Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 10 זייטען

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען

נייער פאלקסבלאט

№ 276 | לאדז, מאנטאג, כ״ט מרחשון תרצ״ג | צענטער יאהרגאנג | Łódź, Poniedziałek 28 listopada 1932 r. | № 276

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

א בלוטיגע ארואנטורע אין לעמבערג

לעמבערג, 27 (יט״א טעלעגראפיש).

נעכטען זענען 6 ענדעקישע סטודענטען ארויסגעגאנגען פון א רעסטאראן אין מאכען זיך „לוסטיג" האבען זיי פערטשעפעט און געשלאגען יודישע דורכגעהער. אויך א גרופע יודישע ארבייטער, זענען פון די ענדעקעס בעפאלען געווארען. ס'איז ענטשטאנען א געשלעג. איינער פון די ענדעקישע סטודענטען האט בעקומען מיט א מעסער אין הארצען פון וואס ער איז געפאלען א טויטער. ער הייסט יאן גראטשקאווסקי 22 יאהר אלט, א צוהערער פון וועטעריגאר-אינסטיטוט.

3 יודישע ארבייטער זענען ארעסטירט געווארען, דערונטער דער בעקער-ארבייטער אברהם קאץ, וועלכען מ'איז חושד, אז ער האט געשאסען.

* * *

„פאט" האט נעכטען פונאנדערגעשיקט פאלגענדען אפיציעלען קאמוניקאט וועגען דער געשעהעניש אין לעמבערג:

נעכטען אין אווענד איז פאר'ן באר „גראטא" אויף שיינאכא-גאס אויסגעבראכען א געשלעג צווישען עטליכע סטודענטען פון 4-טען יאהרגאנג מעדיצינישען און וועטערינארישען פאקולטעט און אונטערוועלט-מאגשען.

דער סטודענט גראטקאווסקי איז שווער פערוואונדעט געווארען.

חוץ איהם זענען די 2 סטודענטען פיעטראשקא און שטשעפאניאק לייכטער פערוואונדעט געווארען.

עס איז אנגעקומען פאליציי, וועלכע האט ארעסטירט די אונטערנעקעס: משה קאצ'ן, שלום קעלער'ן, וועלכער איז א בעקאנטער שלעגער און בוליגאן, נחום שנצער'ן און חיים סורובקא'ן.

דער סטודענט גראטקאווסקי איז געשטארבען אין שפיטאל.

די ערשטע אויספארשונג האט דערוויזען, אז די אנטיילנעהמער פון געשלעג, וואס האבען געהערט צו דער אונטערוועלט, זענען אוועק אין דעם באר „גראטא" פון מאנדעל'ס רעסטאראן אויף דער ישולקיעווסקא-גאס.

די סטודענטען, ווידער, זענען געקומען אין באר פון א'נ'אזויגערופענער „סאבוטקא", וואס זיי האבען געפראוועט אין קאלאנסקי'ס רעסטאראן, דאן האבען זיי זיך געוויילט אין רעסטאראן „אדריא", פון וואנען זיי זענען אוועק אין דעם באר „גראטא".

לעמבערג, 27 (טעל.)

אין שייכות מיט'ן טויט פון דעם וועטערינאר-סטודענט גראטקאווסקי, זענען אין די אווענדשעה'ן ארויס אין דער שטאדט סטודענטען-גרופען וועלכע האבען געפרואווט ארויסרופען עקסצעסען.

די גרופען פון אקאדעמיקער, וואס האבען געפרואווט די עקסצעסען ארויסצורופען, זענען פונאנדערגעטריבען געווארען דורך דער פאליציי און פייערלעשער מיט קישקעס.

בייטאג זענען ערשינען אין דער שטאדט פלוג-בלעטער, מוט'ן ציל צו פראוואצירען עקסצעסען, וואס זאלען האבען געשטאמט פון נאציאנאליסטישע קרייזען.

די פלוג - בלעטער האבען זיך ארויסגעוויזען אלס פאלסיפיקאטען.

די אויפקלעהרונג פון דעם פרט האט געהאלפען שנעל צו בערוהיגען די געמיטער.

די „בראטניא פאמאץ" פון דער אקאדעמיע פאר מעדיצין און וועטערינאריע האט ארויסגעגעבען אנ'אויפרוף, וואס קלעהרט אויף דעם כאראקטער פון דעם געשעהעניש, בעת וועלכער גראטקאווסקי איז דער'הרג'עט געווארען, און וואס פאדערט אויף די יוגענד צו פערהאלטען זיך רוהיג.

לעמבערג, 27 (טעל.)

ביז שפעט בייגאכט האבען געדויערט די אנפאלען פון די ענדעקישע סטודענטען אויף די יודען. 80 יודען זענען שווער און לייכט פערוואונדעט געווארען.

די פאליציי געפינט זיך אין פולער גרייטקייט און פאליציי נעהמט אן מיטלען איינצושטעלען די סטודענטישע אונרוהען. פאר דער רעדאקציע פון „כווילא" און אנדערע יודישע אינסטיטוציעס זענען אוועקגעשטעלט געווארען פערשטארקטע פאליציי-פאטרולען.

מצד דער יודישער געזעלשאפט האט דעם וואיעוואדע בעזוכט א דעלעגאציע און פארגעשטעלט די לאגע. דער וואיעוואדע האט ערקלערט, אז ס'וועלען אנגענומען ווערען אלע מיטלען, כדי צו זיכערן די רוה און ארדנונג.

דאס ערשטע בילד נאך דער שרעקליכער שטורם-קאטאסטראפע אויפ'ן אינזעל קובא

פראנץ לייטגעב, דער מערדער פון 7 פרויען אין לינץ (עסטרייך), איז פערמשפט געווארען אויף אייביגע טורמע.

פעטארדע אויפגעריסען אין די הענד

פון א גימנאזיסט. וואס איז געגאנגען איבערשרעקען זיין לעהרער

בערלין, 27. (ספ. טעל.) א גרופע שילער פון א גימנאזיום אין שטעטין האט געהאט בדעה די פאריגע נאכט צו איבערשרעקען א לעהרער דורך א פעטארדע, וואס זאל געווארפען ווערען פאר זיין הויז.

אומגליקליכערווייזע האט דער אויפרייס זיך מקדים געווען, און די פעטארדע האט עקספלאדירט אין די הענד פון א שילער, אפרייסענדיג איהם די לינקע האנד, און אפשרעפנדיג ס'גאנצע פנים.

אין א האפנונגסלאזען צושטאנד האט מען איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל.

אפגעברענט א גרויסע מאקאראנען-פאבריק אין נעאפאל

נעאפאל, 27. (ספ. טעל.) א ריזען-שרפה האט דא אומגעבראכט א גרויסע פאבריק פון מאקאראנען.

דער היזק דערגרייכט צוויי מיליאן ליר.

לעא מאצקין אין ירושלים

ירושלים, 27 (יט״א טעלעגראפיש)

אהער איז אנגעקומען לעא מאצקין.

יעדער ליבהאבער פון שעהנער קונסט
דארף בעזוכען די
בילדער-אויסשטעלונג
פון בעריהמטען קונסט מאלער
יעקב ראטבוים
אין לאקאל פון „בני ברית"
פיעטריקאווער 90.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע. אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8-2 און פון 5-9 אווענד.
בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

Dr. Z. RAKOWSKI
ספעציאליסט פאר
אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטען
11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)
טעל. 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעמט אויך אן אין לעמשניצע זגערושער 17 פון 11—2.
אין כעלמי פון 8—9 פריה.

Dr. Szymon Grinberg
צוריקגעקעהרט
וואוינט יעצט פילסודסקיעגא 55
טעל. 168 58. (פריהער פאלודניאווא 20)
נעהמט אן פון 8—9.30 און פון 4—6 נאכמיטאג.

Dr. Wajnberg
ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אווענד.

Dr. med. H. ŁUBICZ
ספעצ. פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקה
צעגעלניאנא 7. טעל. 141-32
נעמט אן פון 8—10 פריה, פון 12—2 נאכמ. און פון 5—8 אווענד. זונטאג פון 9—11 בייטאג.

DR. MED. J. LUBICZ
כירורג-ארטאפעד
פאלודניאווא 9, טעל. 183-17
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער
אייגענע פראצעדורע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען היי: וקלעדסעט אויף פלאטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גארסעטען א. אז וו.
נעהמט אן פון 2.30 ביז 4.30 נאכמיטאג

„לינת-הצדק" לאדז צעגעלניאנא 17
דער פיזיקאלישע טעראפישער קאבינעט
איז טעגליך טעטיג פון 11—1 און 4—6 אווענד
און געפינט זיך אונטער'ן אויפזיכט פון א דאקטאר-ספעציאליסט. קווארץ-לאמפען, דיאטערמיע, סאללוקס, עלעקטרישע בעדער.

פאר גאלד, ביזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

Dr. med. J. SCHORR
פון IWONICZ
ספעציאליסט
פאר הארץ און סקלעראזא-קראנקהייטען
וואוינט יעצט אין לאדז
גדאנסקא 11, טעל. 226-85
נעמט אן טעגליך פון 4—6 נאכמיטאג. 2899

אויגען-קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפערציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד. 1604

אויפפאדערונג!
מיר אונטערגעשריבענע בעלי הבתים פון דארף קאלע, היינטער לאדז, פאדערן אויף קאטעגאריש דעם ה' ירחמיאל וואלבראמסקי, וועלכער איז קאלער רב, אז ער זאל אין משך פון 2 טעג צוריק אומקעהרען זיך נאך קאלע און פיהרען רבנות, אין געגענפאל וועלען מיר צוריקציהען אונזערע אונטערשריפטען, וואס מיר האבען איהם געגעבען און ער וועט פערלירען דעם זכות צו זיין רב אין קאלע.
אין נאמען פון די קאלער בעלי-הבתים
4918 משה שניידערמאן, קאלע.

רעשטען
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס
ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאר
אין פראנט, II שטאק

ריזיגער שטורעם אויפ'ן קאַספּישען ים

עטליכע צעהנדליג פישער-שיפען זענען דערטרונקען געוואָרען

מאָסקווע, 27 (ספ. טעל.)
אויפ'ן קאַספּישען ים האָט געבושעוועט אַ געוואַלדיגער שטורם-ווינט, וואָס האָט אָנגעטראָפען אויף 5000 פישער'ס, וועלכע האָבען זיך געפונען אין אָפענעם ים אויף עטליכע הונדערט שיפלעך.

עטליכע צעהנדליג פון די שיפלעך זענען דערטרונקען געוואָרען.

א סך דאַמפּערס גיבען אָן ס.אָ.ס.-סיגנאַלען.

עס זענען ארויסגעשיקט געוואָרען 4 שיפען מיט שפייז און מלבושים און 2 עראָפּלאַנען פון ראָסטאָוו.

דער שטורם-ווינט האָט גורם געווען צו דער פערגיסונג פון עטליכע הונדערט נידריג - אָוועקגע-לייגטע געגענדען.

די רעטונגס אקציע איז בעשווערט צוליב דעם גאַנג פון די אייז-קריהעס, ווייל דער קאַספּישער ים האָט שוין אָנגעהויבען צו פריהרען.

נייער דירעקטאָר פון ענטוויק-לונגס-פּלאַן אין ארץ-ישראל

לאָנדאָן, 27 (יט"אָ טעלעגראַפיש)
ס'געהען קלאַנגען, אז אלס דירעקטאָר פון ענטוויקלונגס-פּלאַן אין ארץ-ישראל, זאָל בעשטימט ווערען ענדריוס.

א גרעניץ-קאָנפערענץ

מכוח'ן אויסטויש פון פּאָליטישע ארעסטאַנטען

ווילנע, 27. (טעלעפאָניש) אָנהויב דעצעמ-בער וועט אויפ'ן גרעניץ-פּאַס סטאָלפּצע פאָרקומען אַ בעגעגעניש פון פּוילישע און סאָוויעטישע מאַכט-אָרגאַנען וועגען אַרומרעדען די פראַגע פון אויס-טוישען פּאָליטישע אַרעסטאַנטען צווישען פּוילען און די סאָוויעטען.

נישטאָ וואָס זיך צו פרעהען מיט היטלער'ס מיסערפאָלג

בעמיהונגען פון יודישע געזעלשאַפטליכע פיהרער ביי די דייטשע פּאָליטיקער

בערלין, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)
ווי די יודישע געזעלשאַפטליכע פיהרער גיבען איבער דער יט"א, איז נישט קוקענדיג אויף היטלערס מיסערפאָלג, נישטאָ קיין שום גרונד צו פרעהען זיך. ס'איז זעהר שווער פאָראויסצוזאָגען די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון די געשעהענישען. מ'ווייסט נישט וואָס דער מאָרגען וועט ברענגען. די יודישע געזעלשאַפטליכע פיהרער מאַכען ווייטער אלע בעמיהונגען ביי די דייטשע פּאָליטיקער אז די יודישע גלייכבערעכטיגונג זאָל אָפּגעהיט ווערען.

דערענטש'נער אוני'ווערזיטעט וועט געשלאָסען ווערען אויף 2 וואָכען

אולטימאַטום פון אונגאַרישען פּרעמיער צו די סטודענטען

בודאַפּעשט, 27 (יט"א טעלעגראַפיש)
דער אונגאַרישער פּרעמיער געמבעס, האָט ארויסגעשיקט אַן'אולטימאַטום צו די סטודענטען פון דערעטשינער אוניווערזיטעט, אז אויב אין משך פון 24 שעה, ס'וועט נישט צוריקגעשטעלט ווערען די רוה אויף דער אוניווערזיטעט, וועט די אוני-ווערזיטעט געשלאָסען ווערען אויף 2 וואָכען.

א גרויסע שרפה אויפ'ן משאות-וואקזאל אין לעמבערג

אויך געליטען „יעלין און רודאָמינס" לאַגער

לעמבערג, 27 (טעלעפאָניש)
נעכטען איז אויפ'ן משאות וואָקזאַל אויסגע-בראָכען א שרפה אין די לאַגערן פון דער פירמע „טראַנספּאָרט".

די שרפה האָט זיך באַלד אריבערגעוואָרפען אויף דער פירמע „יעלין און „רודאָמין", פון „ספּאַרטאַ" און פון דער מלובה-פאַבריק פון אָטען-לאַגערן.

נאָך א 3 שעה'דיגער אקציע איז די שרפה לאָ-קאַליזירט געוואָרען.

דער היזק בעטרעפט אַנ'ערך 200,000 זל.
די סיבות זענען לעת עתה נישט פעסטגע-שטעלט געוואָרען.

די קאָנסטיטוציע וועט געענדערט ווערען

ווען? דאָס וועט בעשליסען דער מאַי-לאַגער

ס'איז געווען אַ צייט, ווען די פראַגע פון דער קאָנסטיטוציע אין פּוילען איז געווען דער הויפּט פּראָגראַם-פּונקט פון דער סאַנאַציע. אַלע געדענקען נאָך די זאַפטיגע אויסדריקען, וועלכע מאַרשאַל פּילסודסקי האָט נישט געקאַרגט, כדי צו כאַראַקטעריזירען און צו קאָמפּראָמיטירען די אַלטע קאָנסטיטוציע; דער נאָך-מאַי-לאַגער האָט גע־האַל-טען די ענדערונג פון דער קאָנסטיטוציע פאַר דער וויכטיגסטער אויפגאַבע, וואָס מוז וואָס גיכער רע-אַליזירט ווערען און די אָפּאָזיציע האָט מיט האַרץ-קלאַפּעניש ערוואַרט: וואָס וועט סוף כל סוף ווע-רען? מען פלעגט אין די אָפּאָזיציע-קרייזען זאָגען: זאָל וואָס גיכער שוין געשעהן וואָס עס דאַרף געשעהן, זאָל מען שוין זעהען די נייע קאָנסטי-טוציע, אַבי די אייביגע שרעק זאָל אַמאָל אויפ-הערען. מיט דער צייט אָבער איז די פראַגע שטיל געוואָרען. זי איז אַראָפּגענומען געוואָרען פון דער טאָג-אָרדנונג, מ'האָט וועגען דעם עסק שוין געגומען פערגעסען. די אָפּאָזיציע האָט מיט נישט קיין קליינער פרייד אָנגעוויזען: וואו איז זי עס די נייע קאָנסטיטוציע, מיט וועלכער איהר האָט אונז אַזוי לאַנג געסטראַשעט? דעפּ. ניע-דזשיאַלקאָווסקי האָט ערשט די טעג געשפּאָט אין „ראַבאָטניק": מיט דער קאָנסטיטוציע זיצט, טראָגט זיך אַרום איינער אַליין, אַ טרויעריגער און איינ-זאַמער דער געוו. מיניסטער צאַר...

די סאַנאַציע האָט מעהר נישט געקאָנט אויסהאַלטען דעם שפּאָט און חוזק און איצט איז געקומען אַן'אויטאָריטאַטיווע אויפקלערונג: איהר האָט אַ טעות, די קאָנסטיטוציע איז נישט פערגע-סען געוואָרען, עס וועט קומען איהר צייט און זי וועט זיך ווידער באַווייזען אין איהר גלאַנץ און פראַכט.

אין אַן'אַרטיקעל אונטער דעם כאַראַקטעריס-טישן נאָמען „אילוזיע, פליאַטקע, טעות שרייבט דער אָרגאַן פון דער סאַנאַציע די „נאַזשעטשאַ פאָלסקאַ":

די אָפּאָזיציאָנעלע פּאָליטיקער מיינען, אַז אויב אַ געוויסע פראַגע האָט אויפגעהערט אַרויס-צורופען ליידענשאַפטען, האָט זי שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירען. זיי פערגעסען אָבער, אַז די פראַ-גע האָט אויפגעהערט צו רייצען די געמיטער דערפאַר, ווייל אין דעם געפיהל פון דער געזעל-שאַפט איז זי געוואָרען געלעזט.

דער נייער פראָיעקט פון אַ קאָנסטיטוציע מוז אויפשטעהען. און ער שטעהט אויף. ווען וועט ער בעטראַכט ווערען אין סיים? דאָס איז שוין אַ פראַגע פון טאַקטיק. דער פראָיעקט וועט איינגעפלי-סען אין סיים דעמאָלט, ווען ער וועט האָבען צו מייסטען שאַנסען אדורכצוגעהען. ווען? דאָס איז אַ פראַגע פון פרייען בעשלוס פון דעם מאַי-לאַגער.

די קאָנסטיטוציע וועט געענדערט ווערען, זאָלען זיך די הערען פון דער אָפּאָזיציע נישט אָפּנאַרען. עס וועט גאַרנישט העלפען דאָס פער-עפענטליכען פאַלשע בעריכטען וועגען דעם, וואָס עס האָט כלומרשט געזאָגט דער אָדער יענער. נאָך ווייניגער וועט העלפען דאָס גלויבען אין פליאַט-קעס, וועלכע מען האָט אַליין אַרויסגעלאָזט. די הערען ניעדזשיאַלקאָווסקי'ס האָבען אַ טעות, ווען זיי מיינען, אז די קאָנסטיטוציע-אַרבייט איז אָפּ-געשטאָרבען. זי קומט פאָר און געהט פאָראויס. און די אילוזיעס פון דער אָפּאָזיציע וועלען זיך ענדיגען, אַזוי ווי זיי פלעגען זיך געוועהנליך ענ-דיגען. ווען מען האָט ערוואַרט אַן'אַטענטאַט זע-נען געקומען וואַהלען; ווען מען האָט ערוואַרט צו געווינען, האָט מען פערשפּילט; ווען מען האָט זיך געריכט אויף „רעוואָלוציע", איז געקומען בריסק... (ען)

דער ענגלישער קעניג פאָהרט עפענען דעם פּאַרלאַמענט

ד"ר שאַכט, געוו. פּרעזידענט פון דער דייטשער רייכסבאַנק. איז איצט קאַנ-דידאַט אויפ'ן פּאָסטען פון רייכס-קאַנצלער.

היטלער איז איבערצייגט,

אַז מען וועט סיי-ווי מוזען צו איהם אָנקומען

בערלין, 27 (ספ. טעל.)
אויף א היטלער-פערזאַמלונג אין ווייטאַר האָט ערקלערט היטלער אליין, און קריטיקירט די בייז-אַרטיגע פעראָרדנונגען פונ'ם רייכסוועהר-מיניס-טער, גענ. שלייכער.

היטלער האָט דערקלערט, אז ער האָט נישט פאַרשפּילט זיין קאַנדידאַטור אויפ'ן קאַנצלער-אמט, זייענדיג איבערצייגט, אז אין עטליכע חדשים ארום וועט מען איהם סיי-ווי ווידער אויפפאָדערען אויף דעם דאָזיגען אמט.

די איינציגע האָפענונג — שלייכער

ביים בילדען א נייע דייטשע רעגירונג

בערלין, 27 (ספ. טעל.)
די היינט-געפיהרטע פערהאַנדלונגען דורך שלייכער'ן און פאָן-פּאַפּען'ען מיט די אָנפיהרער פון די פּאַרטייען האָבען נישט געגעבען קיין קאָנ-קרעטען רעזולטאַט.

די געשפּרעכען וועלען נאָך געפיהרט ווערען מאָנטאָג, און פון זייער פערענדיגונג ווערט אָפּגע-וואַרט די דעציזיע פון הינדענבורג'ן וועגען דער נאָמינאַציע פון א נייעם קאַנצלער.

אין די פּאָליטישע קרייזען האַלט מען, אז נאָר שלייכער אַליין וואָלט געהאַט די מעגליכקייט צו דערגרייכען געוויסע רעזולטאַטע.

10,000 ארבייטער אין „זאַוויער-טשע" פערלירט די ארבייט

סאָסנאָוויץ, 27. (טעלעפאָניש) שבת האָט מען געקינדיגט אַל ערבייטער אין דער אַקציען-גע-זעלשאַפט „זאַוויערטשאַ".

דער קינדיגונגס-טערמין איז דעם 15. ד. ח.

בזה האופן וועלען פון די 12,000 בעשעפטיגטע ארבייטער אין זאַוויערטשע, ארבייטען וויבער-צייט בלויז 2000.

אין דער היגזיכט פונ'ם אַרבייטס-מאַרק איז דער פאַר — דער בעדראָהענדסטער אין גאַנץ פּוי-לען, מחמת פון די 33,000 איינוואוינער, וועלען 26,000 מאַן זיין „אויף קעסט" פון דעם אַרבייטס-לאָזען קאָמיטעט, אויב דער ענין „זאַוויערטשע" וועט נישט אַנדערש ערלעדיגט ווערען.

ראַדיאָ-פּראָגראַם

מאָנטאָג, ד. 28-טען נאָוועמבער 1932

11,40 טעגליכער פּרעסע-איבערזיכט. 11.50 מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאַט. 11,58 צייט-סיג-נאַל. 12,10 גראַמאָפאָן-פּליטען. 1,20 מעטעאָראָ-לאָגישער קאָמוניקאַט. 3,15 ווירטשאַפטליכער קאָמוניקאַט. 3,25 קאָמוניקאַציע-איבערזיכט. 3.30 גראַמאָפאָן - פּליטען. 4'25 לעקציע פראַנצויזיש. 4.40 רעפּעראַט. 5,00 קאָנצערט. 6,00 מוזיק. 7,00 פערשידענעס. 7,20 קאָמוניקאַט פון דער לאָדזער האַנדעלס - קאַמער. רעפּערטואַר פון די טעאַטערן. 7,30 אוידיציע. 7,45 ראַדיאָ-פּרעסע. 8,0 אָפּערעטע, ספּאָרט-בעריכט. 10,00 פּאָסט-10,45 מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאַט. 11,00 טאַנץ-מוזיק.

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז.
28 נאָוועמבער 1932

לאָדז.
28 נאָוועמבער 1932

וויספּיאַנסקי

היינט ווערט 25 יאָהר זינט ס'איז געשטאָרבען איינער פון די גרעסטע פוילישע דיכטער, סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי. אין דער דאַטע פון וויספּיאַנסקי'ס טויט, דעם 28 נאָוועמבער, ליגט עפּעס אַ ריהרענדע און טראַגישע האַרמאָניע. ער איז געשטאָרבען ערב דעם יאָהר־טאָג פון נאָוועמבער־אויפשטאַנד, פון דער פערצווייפעלטער בעוואָפענטער טאַט, וועלכע ס'האָבען אונטערגענומען עטליכע יונגע פוילישע אָפיצירען און וועלכע איז באַלד פון איהרע ערשטע שריט פער'משפט געווען צום דורכפאַל אַלס רעוואָלוציע אָהן רעוואָלוציאָנערען גייסט, אָהן ווילען און אָהן פיהרער, כדי שפּעטער אין עטליכע וואַריאַציעס אויפצולעבען אין דער מעכטיגער וויזיע פון דעם דיכטער. ער איז געשטאָרבען אין דעם חודש, ווען עס איז פערענדיגט געוואָרען דער מורא'דיגסטער פעלקער־גראַנגעל אין דער וועלט־געשיכטע, וואָס האָט געבראַכט אַנ'אומגעהויערע קאַטאַסטראָפע פאַר אייראָפּע, אָבער גלייכצייטיג די בעפרייאונג פון פוילען, וויספּיאַנסקי'ס גרויסער טרוים, וועלכען ס'איז דעם דיכטער נישט בעשערט געווען צו זעהן פערווירקליכט. דער טאָג פון וויספּיאַנסקי'ס טויט ווערט איצט געפייערט אין פוילען אַלס נאַציאָנאַלער פעסט. עס ליגט אין דעם לאָגיק און גערעכטיגקייט: וויספּיאַנסקי'ס נאָמע איז צום ענגסטען פערבונדען מיט דעם רענעסאַנס פון פוילען און דאַרף פערשריבען ווערען אינאיינעם מיט דעם וויכטיגסטען טאָג אין דער נייעסטער פוילישער געשיכטע, מיט דעם טאָג פון פוילען'ס ווידער־אויפשטעהן צו אַ זעלבסטשטענדיגען קיום.

פוילען פייערט אין וויספּיאַנסקי'ן דעם גרויסען נאַציאָנאַלען דיכטער, וועמעס פייערדיג וואָרט איז נישט געווען אָפּצוטיילען פון דער טאַט, וואָס האָט געבראַכט צו דער בעפרייאונג פון לאַנד. אַזאַ וואָרט האָט געקאָנט אַרויסברענגען נאָר אַ גענויאַלער דיכטער. אַלס קינסטלערישע ערשיינונג איז וויספּיאַנסקי געווען איינציג אין זיין אַרט, אַ פענאָמען, וואָס בעווייזט זיך איינמאָל אין יאָהרהונדערטער. ענליכעס צו איהם קאָן מען געפינען אין די גרויסע מייסטערס פון רענעסאַנס, אין מיקעלאַנדזשעלאָ, אין לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי: אַ דיכטער מאָלער, אַרכיטעקטאָר, רעזשיסער און רעפאָרמאַטאָר פון דער פוילישער דראַמאַטורגיע און טעאַטער — האָט ער אויף אַלע געביטען געשאַפען ווערק, וואָס געהען אַריין אין גאָלדענעם אוצר פון דער פוילישער קונסט. זיין קינסטלעריש שאַפען האָט ער אָנגעהויבען פון מאָלעריי, און דער מאָלעריי האָט ער געמיינט צו ווידמען זיינע כוחות.

ער האָט אָבער גיך דערפיהלט אין זיך די קראַפט פון אויפרייסענדען און אָרגאַניזירענדיגען נביאישען וואָרט, פון דעם וואָרט, וואָס ער האָט איבערגענומען ביי די גרויסע פוילישע ראָמאַנטיקער און האָט געפונען דערפאַר נייעם אינהאַלט און נייעם פאָרם. פענאָמענאַל אין איכות פון זיין שאַפען, איז וויספּיאַנסקי געווען אויך אַ פענאָמען אין דער אינטענסיווקייט פון זיין אַרבייטס־שפּאַנונג: אין פערלויף פון אַכצעהן יאָהר (ער איז געשטאָרבען אַ 39־יעהריגער) האָט ער, יאָהרענלאַנג קראַנק און צובראָכען, געשאַפען אַזאַ אוצר פון קינסטלערישע ווערק, וואָס רופען אַרויס ערשטוינונג פאַר זיין אומגעהויערער אַרבייטזאַמקייט און שעפערישער ענערגיע.

וואָס ווייטער די פוילישע געזעלשאַפט געהט אַוועק פון וויספּיאַנסקי'ס טויט, אַלץ קלאָרער ווערט אַז אין דער געשיכטע פון פוילישען געדאַנק און פון דער פוילישער קונסט פערנעהמט ער אַנ'איינציג און אויסנאַהמס־ווייז אָרט, וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכען. יעדעס וואָרט, וואָס פלעגט אַרויס פון קראָקאָווער אַרבייטס־ווערקשטעל פון דיכטער, איז געווען פאַר דער פוילישער געזעלשאַפט אַזוי ניי, אַזוי אָריגינעל, אַזוי פול מיט קראַפט, מיט מאַהנונג, מיט אויפפאָדערונג, מיט רוף, אַזוי שווער איז געווען אָפּצוטיילען דאָס וואָרט פון דער נויטווענדיגקייט באַלד עס רעאַל צו מאַכען, אַז עס פלעגט שטענדיג אַרויסרופען דעם גרעסטען אומרוה ביי די מענשען פון זיין צייט און די געזעלשאַפט פלעגט שטעהן פאַר איהם דעזאָריענטירט, ראַטלאָז און אָפט, זעהר אָפט פיינדליך. בלויז עטליכע נאָר געצעהלטע יחידים, מעהר האָט אפשר קיינער נישט אַזוי אַריינגעדרונגען אין דער דראַמע פון דער פוילישער נשמה, אין איהרע אָנשטרענגונגען, ענטוישונגען און מפּלות, אין איהר שרעקליכען ווייטאָג, אין איהרע מיסטישע וויזיעס און טרוימען נאָך דער פערלוירענער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. אַזאַ קראַפט פון עמפּפינדונג געפונען מיר נאָר ביי זשעראָמסקי'ן, דעם צווייטען דיכטערישען קעמפער פאַר דער נשמה און בעפרייאונג פון פאָלק, און אַ חוץ זשעראָמסקי'ן האָט קיינער נישט אַזוי טיף ווי וויספּיאַנסקי פערשטאַנען און נישט געוויטאָגט צוליב דער אינערליכער פערשקלאַפטקייט פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט שלום געמאַכט מיט איהר גורל, שלום געמאַכט מיט איהרע אונטערדריקער און הכנעה'דיג געקושט די בייטש, וואָס האָט געפייפט איבער איהר רוקען. וויספּיאַנסקי'ס טראַגעדיעס זענען דערויבער ריזיגע מיסטעריעס פון הויכען אידעאַלען געדאַנק, פון גראַנדיעזע קינסטלערישע בעפרייאונגס־וויזיעס און איינצייטיג אויפשרענגענדיגע סאַטירעס, וואָס שמייסען איבער'ן פּנים פון די פערשקלאַפטע און אונטערטעניגע. ער, וועלכער האָט אין זיך אַריינגענומען דעם גאַנצען צער פון געפּייניגטען פאָלק, האָט געפיהלט אין זיך דאָס רעכט דער געזעלשאַפט טיילמאָל אין גרעניצלאָזער פיין „צו שפּייען אין פּנים זיין רחמנות" און צו רעדען וועגען „הינטישע טרעהרען". וואָס ער וויל נישט, זיי זאָלען פערגאָסען ווערען איבער זיין קבר.

דאָס גאַנצע שאַפען וויספּיאַנסקי'ס, שרייבט איינער פון די נייעסטע פוילישע קריטיקער, איז געווען אַ קאַמף פאַר דעם גורל און פאַר דער עקזיסטענץ פון פאָלק, פאַר זיין פיזישער, מאַטעריעלער, אידעאישער און מלוכה'שער עקזיסטענץ. פאַר זאַכען, וואָס זענען די קאָנקרעטסטע, איינפאַכע, קלאָרע און געוועהנליכע, פונקט ווי איינפאַך עס איז דאָס פעלד מיט תבואה, דאָס לאַנד און די מענשען. ער האָט נישט געזוכט קיין פאַטערלאַנד אין די וואָלקענס.. אַט דער פאַטעטישסטער טראַגיקער איז געווען דער טיפסטער רעאַליסט ביים אַרומנעהמען די ווירקליכקייט פון פאָלק. דאָס פאָלק איז געווען פערשקלאַפט, — האָט וויספּיאַנסקי געקעמפט פאַר זיין בעפרייאונג. די פרייהייט איז געווען ביי איהם אַ קאַטעגאָריע פון געוויסען און פון פעראַנטוואָרטליכקייט. אין זיין קונסט איז זי געוואָרען שוין נישט קיין לאָזונג, נאָר אַ טאַט, נישט קיין סיסטעם פון פאָרמולען, נאָר אַ ווירקליכקייט, אָהן וועלכער עס איז נישטאָ קיין צוקונפט. אַט אַזוי זעהען מיר אַלע וויספּיאַנסקי'ן היינט, ווען גאַנץ פוילען שטעהט פערזונקען אין מחשבות ביי דער טרומנע פון איהר משה'ן, וועלכען עס איז נישט בעשערט געווען אַריינצוגעהן אין דעם צוגעשוואוירענעם לאַנד...

עס ווערען איצט געמאַכט פּרובען צו איבערשאַצען די ווערטען, וועלכע וויספּיאַנסקי האָט איבערגעלאָזט. עס ווערט אָנגעוויזען, אַז דאָס, וואָס ער האָט געשאַפען, געהערט שוין אויסשליסליך צו דער געשיכטע, אַז פאַר'ן היינטיגען דור שטעהען נאָר אַנדערע פּראָבלעמען, נאָר אַנדערע אויפגאַבען. נאַטירליך, ווען וויספּיאַנסקי וואָלט געווען געזעהן דעם פערווירקליכטען חלום זיינעם, וואָלט אין איהם זיך מעגליך און אפשר זיכער צובונטעוועט זיין געפיהל און געוויסען; ער וואָלט דערזעהן ווי ווייט עס איז צו די „הייזער פון גלאַז", וועגען וועלכע עס האָט געטרוימט אין בעפרייטען פוילען זשעראָמסקי; ער וואָלט געזעהן וויפיל אומגערעכטיגקייט עס איז פאַרהאַן אין דעם לאַנד פון זיינע פיינליכסטע און העכליכסטע חלומות און בעגעהרען. צו די נייע קאַמפען און צילען האָט אָבער געמוזט אָפּגערייניגט ווערען דער פּלאַץ, און די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע אויפגאַבע פון וועקען, פון רופען, פון געבען דעם מאָראַל, פון מאָראַליש בעוואָפענען אַ דור צום קאַמף, האָט וויספּיאַנסקי ערפילט אין אַזאַ פולער מאָס, וואָס געהט ווייט אַריבער איבער דער גרעניץ צווישען דער אויסגעבענקטער און דער דערגרייכטער בעפרייאונג.

לאַזאַר פוס.

אייראָפּאַ דאַרף נישט און וועט נישט צאָלן

דער אָפּזאָג פון אַמעריקע צו פערלענגערן דעם מאָראַטאָריום אויף די קריגס־חובות

די אייראָפּעאישע לענדער געפינען זיך איצט אונטער דעם גרויסען רושם פון אַמעריקאַ'ס ענט־פער אויף דער פאָדערונג פון עטליכע מלוכות זיי זאָלען ערטיילען זיי מאָראַטאָריום אויף זייערע קריגס חובות. אַמעריקע האָט געענטפערט מיט אַנ'אָפּזאָג. עס שטעלט זיך איצט די פראַגע וואָס וועט טון אַמעריקע און וואָס וועלען ווייטער טון די אייראָפּעאישע לענדער. איבער דעם טעמע גיט אויסגעצייכענטע בעמערקונגען אַ בער דער פראַגע ברענגט אין איינעם פון זיינע לעצטע אַרטיקלען אין „ה. דז." דר. י. טהאָן.

וואָס וועט טון אַמעריקאַ? פרעגט דער מחבר זי וועט זיך זיכער מאָראַליש עמפּערען, אָבער זי וועט נישט קומען קיין אייראָפּע איינמאָהנען דעם חוב. ווען אַמעריקע וואָלט דאָס אַפילו געקאָנט טון, וואָלט זי עס אויך נישט געטון, ווייל אַמעריקע קען נישט עקזיסטירען אָהן אייראָפּאַ, נישט מאָראַליש, נישט מאַטעריעל. עס האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזען, אַז זי איז שוין נאָך אייראָפּע איינגעפאַלען אין נויט פון אַרבייטסלאָזיגקייט. איצט איז דער גאַנצער ערד־באַלעם איין ווירטשאַפטליכע און פּאָליטישער אָרגאַניזם, און עס איז גאָרנישטאָ קיין שום מעגליכקייט אָפּצוגרעניצען זיך פון דער איבריגער וועלט און זיך צו פערשליסען אין אַ פערמאַכטער פעסטונג...

אַמעריקע קאָן אייראָפּאַ גאָרנישט טון, אויב אייראָפּע וועט זאָגען, אַז זי קאָן נישט צאָהלען, אָבער גאַנץ אייראָפּע מוז דאָס זאָגען און נישט בלויז אַ טייל פון אייראָפּע, עס וואָלט נישט גוט געווען ווען איינע אָדער די צווייטע מלוכה וואָלט זיך אַרויסגעדראַכען פון אָט דער סאָלידאַרישקייט און וואָלט צוליב פּרעסטיזש געצאָהלט. עס וואָלט נישט גוט געווען, ווען אַזוי וואָלט געטון ענגלאַנד אַלס סוחר מיט סאָלידע פּרינציפּען, אָדער פראַנקרייך, וועלכע פערמאָגט ווירקליך אַ סך געלד. אייראָפּע אַלס איינהייטליכער אָרגאַניזם, אַלס סאָלידאַרישער ווי־לען, וואָלט איצט ווירקליך פיל געקאָנט דערגריי־כען.

אַנ'אמת, אַנ'אומגעהויערער און ביטערער אמת איז בלויז איין אַרגומענט פון דעם אַמעריקאַ־נער קרעדיטאָר, ווען ער שטיקט אייראָפּאַ און פאָדערט מען זאָל איהם בעצאָהלען. אַמעריקע האָט דאָס רעכט צו שטעלען די פראַגע אַזוי, אַז אייראָ־פּע בעוואָפענט זיך פאַר איהר געלד, און דאָס דאָזיגע בעוואָפענען זיך איז נאַטירליך אַליין פאַר זיך אַ מיאוסע זאַך און וואָלט ביי אַ ביסעל גוטען ווילען געקאָנט ווערען אַנ'איבעריגע הוצאה. ווען אייראָפּע וואָלט ווירקליך געוואָלט זיין סאָלידאַריש אָבער ווען זי וואָלט געוואָלט כאָטש זיין פערנינפטיג, צו זעהט מען פאַקטיש נישט, אַז דאָס בעוואָפענען זיך גיט נישט קיין זיכערקייט, ווייל דער צווייטער וועט דאָס זעלבע בעווייזען, אַפילו דאָס ער־טאַפּטע דייטשלאַנד וואָלט זיך, ווי געקאָנט בעוואָפענען, ווען עס וואָלט איינגעזעהן אַז די שעה פון רעוואַנזש האָט שוין אָנגעשלאָגען. דער פאַקט פון דער בעוואָפענונג פון די ווירקליכע אָדער אויסגעטראַכטע געגנער וועט דאָך פון קיין אַגרעסיווקייט נישט אָפּהאַלטען, ווי זאָגט מען עס: ווען איינער וויל שלאָגען אַ הונד, וועט ער אַ שטעקען געפינען, יאָ, שטעקענס, און אַפילו האַר־מאַטען וועט מען שטענדיג געפינען, אויב עס וועט זיין אַזאַ דעצייזיע. בעוואָפענונג היט קיינעם נישט פאַר מפּלות. דייטשלאַנד אַליין האָט דאָך אין וועלט־קריג צום בעסטען בעוויזען די ריכטיגקייט פון דאָר־זיגען אָפאָריזם. אַזוי בעוואָפענט ווי דייטשלאַנד איז דאָך קיינער נישט אַריינגעטרעטען אין קריג, און די אַנדערע מלוכות זענען געווען קנאַפּ בעוואָפענט, און דאָך האָבען זיי געזיגט, ווייל שטענדיג געפינט זיך נאָך צייט אויף צוגאָב־בעוואָפענונג. די אָנגער־רופענע טאַקראָמענטאַלע בעוואָפענונג קאָן אַלזאָ נישט זיין קיין גענוגענדער בעשטעטיגונג אויף צו בעוואָפענען זיך אָהן גרעניץ. און אָט דעם פונקט איז אַמעריקאַ געגרינדט.

זיכער, אָבער אַמעריקאַ בעוואָפענט זיך אויך ביז צום פערליהרען דעם בעוואוסטזיין, זי טוט דאָס־זעלבע וואָס איהרע בעלי־חובות, צי איז דאָס איהר ערלויבט דערפאַר, ווייל קיינער פאָדערט פון איהר נישט צו בעצאָהלען דעם חוב?

ניין, אָט דער אַרגומענט וועלכער איז אַליין פאַר זיך אַ גערעכטער, איז אין די געגעבענע בע־דינגונגען צביעות, און דעריבער דענק איך: אייראָפּע דאַרף נישט צאָהלען און וועט נישט בעצאָהלען.

די געוואַלד־דען פון די היטלעריסטען

וועלען קיין הילף נישט ברענגען

אָסיפּ דימאָוו וועגען זיינע דייטשע איינדרוקען

קיין ניו־יאָרק מיט דער שיף „אַלבערט באַלין" איז נאָך אַנ'אָפּוועזענהייט פון פינף און אַ האַלב יאָהר צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד דער בעקאַנטער יודישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו, מיט איהם איז אויך געקומען זיין פרוי.

פאַר אַ פערטרעטער פון „פאָרווערטס" האָט דימאָוו געשילדערט די אַלגעמיינע לאַגע אין דייטשלאַנד. ער האָט זיך דערהויפּט אָבער אָפּגעשטעלט אויף דער לאַגע פון די יודען, דער גאַסט איז איבערצייגט אַז די היטלעריסטישע בעוועגונג אין דייטשלאַנד גייט באַרג אַראָפּ, זי האַלט אין אויס־שפּילען זיך. ער גיט דאָ אָן צוויי ערקלערונגען:

„דאָס דייטשישע פאָלק היילט זיך אָן אויס־ניכטערען פון דעם טשאַד, וואָס די נאַציאָנאַלע בעוועגונג האָט פעראורזאַכט, די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז פונקט אַזוי האָפנונגסלאָז ווי פאַר אַ יאָהרען און פאַר צוויי יאָהרען; די דייטשע יוגענד זעהט נאָך אַלץ פאַר זיך אַ פינסטערע צוקונפט, אָבער טראָץ דעם הויבט די בעפעלקערונג אָן איינ־צוזעהן, אַז די געוואַלדען פון די היטלעריסטען וועט זיי קיין ישועה נישט ברענגען. די מאַסען הויבען ביסלעכווייז זיך אָן אָפּצוקעהרען פון דעם פאַל־שען משיח, וואָס האָט זיי פערבלענדעט די אויגען.

„צווייטענס זעהען צווישען די פיהרער פון די „נאַציס" אויסגעבראָכען ביטערע שטרייטען. זיי פיהלען אַז זייער ביזאַנטיגער איינפלוס גליטשט זיך אַוועק פון זיי און זייער איינציגקייט איז גע־בראָכען".

ער רעדט אָבער נישט מיט אַ פרייליכען טאָן וועגען דער יודישער לאַגע אין דייטשלאַנד. עס איז אמת, אַז פּאָליטיש וועט דער יוד זיך ווידער קענען אויסגלייכען, פיזיש האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבען, דערפאַר אָבער האָט דער היטלעריזם פער־סמט דאָס דייטשע פאָלק מיט יודען־האַס, וואָס וועט זיך לאַנג־לאַנג לאָזען פיהלען אין דעם דייטשען לעבען.

אַ סך יודישע אַקטיאָרען, דערציילט דימאָוו, שפּילען אויף דער דייטשער ביהנע; אַ היבשע צאָהל יודען בעטייליגען זיך אין דער דייטשער פּרע־סע, דאָך פיהלט זיך אַ בעהאַלטענע געגנערשאַפט, זעהר אָפט אַ שנאה, וואָס אַפילו די ליבע צו דער קונסט און צו דער ליטעראַטור קען קוים בעזיגען. פונדעסטוועגען, גלויבט דימאָוו, וועט די צייט פער־היילען אַלע וואונדען, ווייל אַ קולטורעל פאָלק ווי דאָס דייטשע פאָלק וועט מוזען בעזיגען די אומזיס־טע שנאה צום יוד.

פאַר די איבער פינף יאָהר וואָס דימאָוו האָט פערבראַכט אין דייטשלאַנד האָט ער אַ סך געשריבען. פאַר זיין אָפּפאָהרען האָט ער פערקויפט דעם „בערלינער טאַגעבלאַט" אַ נייעם ראָמאַן, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין דייטש: „מאַסקען און גע־זיכטער", פּגב, וועט דימאָוו שיקען קאָרעספּאָנ־דענצעס פאַר דעם „טאַגעבלאַט", און פאַר דער ווינער „נייער פרייע פרעסע". עס איז אינטערע־סאַנט צו וויסען, אַז דימאָוו האָט קוים געקענט דייטש, ווען ער איז אָפּגעפאָהרען פון אַמעריקע, בעהערשט ער איצט די שפּראַך, אַז ער שרייבט זיינע נאָוועלען און דערציילונגען אין איהר.

מען האָט אין דייטשלאַנד אויפגעפיהרט אַ קלאַנגפילם פון זיינעם אַ סצענאַר, „מוטער שולצע קענען אַלע", דער פילם ווערט איצט געוויזען אין דייטשלאַנד מיט גרויס ערפאָלג. דימאָוו האָט מיט געבראַכט עטליכע נייע פּיעסען פון איצטיגען יודי־שען לעבען אין דייטשלאַנד.

דער גאַסט זעהט אויס מונטער און איז פול מיט פלענער און ווייטערדיגער שאַפונגען אין יודיש און דייטש. ער האָט מיט גרויס אינטערעס זיך נאָכגעפרעגט וועגען די לעצטע נייעס אין דער יודישער טעאַטער־וועלט — פאַר וועלכע ער האָט אַזוי פיל גוטע פּיעסען געשריבען. ער האָט זיך צו־קעגען אויף שטענדיג בעזעצען אין אַמעריקע און פאָרטזעצען זיין ווייטערדיגע ליטעראַרישע טעטיג־קייט.

הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר

איז פוילען שולדיג איז אַמעריקע פאַר מילך און געזאַלצענע פליישען

מיר האָבען שוין געשריבען, אַז אַמעריקע וויל נישט פּראָלאָנגירען איהרע חובות און מאָהנט פון איהרע בעלי־חובות דאָס געלד צום טערמין. פוי־לען מוז אויך צאָהלען. אין משך פון 1932 יאָהר דאַרף פוילען איינצאָהלען 6.22 מיליאָן דאָלאַר. די אַלגעמיינע סומע, וואָס פוילען דאַרף איינצאָהלען ביז'ן יאָהר 1937, בעטרעפט — 435 מיליאָן דאָלאַר.

פוילען דאַרף צאָהלען אַמעריקע נישט נאָר דירעקטע חובות, נאָר אויך פאַר אַמוניציע, וועלכע אַמעריקע האָט צוגעשטעלט פוילען שוין נאָך דער וועלט־מלחמה. און דער עיקר — פאַר די „אַמעריקאַנער מתנות", פאַר „הובערס מילך" אין די בלעכענע פושקעס, פאַר די געזאַלצענע פליישען יכדומה. די דאָזיגע אַמעריקאַנער „מתנות" זענען אַריינגעשטעלט געוואָרען אין חשבון און זיי מאַכען אויס אַ ריזיקע סומע.

אויסער פאַר „הובערס מילך", דאַרף מען אויך צאָהלען פאַר הובער'ס „זויג־מוטערס", פאַר אַלע בעאַמטע און שליחים, וואָס אַמעריקע האָט געשיקט אין פוילען ביי איהר „הילף"־אַרבייט.

עס שטעלט זיך איצט אַרויס, אַז אַמעריקע האָט זיך געלאָזט גאַנץ געשמאַק בעצאָהלען פאַר איהרע טובות. פאַר פוילען איז דער חשבון נאָך געמאַכט געוואָרען געשוואָלענער ווי פאַר אַנדערע בעלי־חובות פון אַמעריקע. פוילען צאָהלט די גרעס־טע פּראָצענטער פאַר איהר בעשולדיגונגען.

לאָדז.
28 נאָוועמבער 1932

ספארט-בעוועגונג

פאר דער מכביהדע

(א בריף פון זאקאפאנע)

מיר צעהלען די חדשים און וואכען וואס טיילען אונז פון דער ווינטער מכביה'דע אין זאקאפאנע. אבער נישט נאר, מיר ספארטלער זענען אזוי געשפאנט, דאס וואָרט „מכביהדע" איז היינט דא אין יעדענס מויל. ס'רעדען וועגען דער מכביה'דע די ספארטלער, סוחרים, האטעלבעזיצער און פענסיאנאט-אייגענטימער און אפילו די דראזשקאזשעס.

א גרויסע פאראינטערעסירונג מיט דער ווינטער-מכבירדע ווייזען ארויס די „טייז" פון די פוילישע נארטען-ספארטלער". א גאנצע רייהע בעדייטענדע פוילישע ספארטלער האבען געמעלדעט זייערע קאנדידאטורען אלס אינסטרוקטארען, צוזוגרייטען אונזערע מאנשאפטען.

א גרויסע סענסאציע אין די ספארט-קרייזען האט ארויסגערופען דער נאמען פון בעריהמטען נארטען-שפרינגער קאוממאן, וועלכער וועט אנטייל גענומען אין דער מכביהדע, ס'איז אויך זיכער דער אנטייל פון דעם צוויי-פאכען פוילישען מייסטער מיקענברון.

מיט איין ווארט — די פאראינטערעסירונג איז זעהר גרויס, א בעוויין דערצו איז, אז איצט בעת ס'ווערען שוין צוגעגרייט וואוינונגען, איז נאך נישט געווען קיין פאל, אז וועלכער ס'איז פענסיאנאט, צו וואס פארא קאטעגאריע ער זאל געהערען, זאל נישט ענטגעגענקומען אונזערע פארשטעהער.

די זאקאפאנער ארטיסטישע אינדוסטריע, מאכט אויך פערשידענע פארבערייטונגען און בעזונדערס שטרענגען זיך אן די סקולפטורען, כדי ארויסצוגעבען אנ'ענטשפרעכענדען סקולפטור לכבוד דער ערשטער יודישער ווינטער—מכבי'הדע.

מ'וואלט איצט — אין מאמענט ווען די טעכנישע צוגרייטונגען זענען אין פולען גאנג, ווען די ספארטלער מאכען זיך פערשידענע האראסקאפען — געדארפט זיך אפשטעלען אויף דער בעדייטונג פון דער „מכביהדע" פאר'ן יודישען ספארט.

קודם-כל דארף מען אפווארפען די השערה, אז דער איינציגער ציל איז צו דערגרייכען גרויסע ספארט-רעזולטאטען, פערשטעהט זיך אז מיר זאגען זיך נישט אפ דערפון, ווייל אין אונטערבעוואוסטזיין פון יעדען ספארטלער און אין בעוואוסטזיין פון יעדען קלוב געפינט זיך דער ווילען צו דערגרייכען די בעסטע צייטען און נייע רעקארדען. ס'וואלט אבער געווען א פעהלער צו לענקען די אויפמערקזאמקייט נאר אויף דער זייט פון דער „מכביהדע".

מיר גיבען זיך אפ א חשבון דערפון, אז אויף די פערמעסטונגען וועלען נישט פאלען קיין אויסנאהמס-רעקארדען, די גרעסטע בעדייטונג פון דער „מכביהדע" איז דאס וואס ס'ווערט צונויפגעזאמעלט די עליטע פון די יודישע ספארטסמענער פון דער גאנצער וועלט און מ'קען מאכען אנ'איבערזיכט פון דעם צווואוקס פון יונגען יודישען ספארט.

דער נארטען-ספארט איז נאך ביי אונז אין די וויקעלעך, אמת ס'זענען פערהאן עטליכע זעהר גוטע יודישע נארטען-ספארטלער, אבער זיי געהערען נישט צו קיין יודישע פעראיינען.

האט טאקע די ערשטע ווינטער-מכביהדע דעם ציל, נישט נאר צו דערהייבען דעם ניווא פון אונזער נארטען-ספארט, גאר צו ארגאניזירען די לויזע יודישע נארטען-ספארטלער, ווייזען אז אויך אין דעם אפצווייג זענען מיר טעטיג, אז אויך אויף די שניי-פעלדער און בארג-שפיצען, ווי אויך אויפ'ן אייז-פעלד האבען מיר א געביט פון ארבייט.

אזוי ווי דורך זומער-ספארטען האט מען ארויסגעצויגען די יודישע יוגענד פון די פינסטערע, טרויעריגע שטובען און ווארשטאטען אויפ'ן גרינעם פעלד, אזוי איז איצט — דורך דער פראפאגאנדע פון די ווינטער-ספארטען — דארף מען ארויסברענגען די יודישע געזעלשאפט פון דער אפאטיע, מיט וועלכער ס'האט זיך ביז איצט בעציהען צו די ווינטער-ספארטען.

די ווינטער מכביהדע איז א רעווי פון אונזער נארטען-ספארטלער, גליטש-ספארטלער און שליטלער, מיר טארען אבער נישט פערגעסען, אז אויסער די צעהנדליגער אונזערע פארשטעהער, האבען מיר נאך הונדערטער און טויזענדער ספארטלער, וועלכע וועלען אונטערן איינדרוק פון דער ווינטער-מכביהדע בעקומען פרישען מוט צו ווייטערדיגער ספארט-ריוואליזאציע, ארייצוּדרינגען אין אלע מעגליכקייטען פון די הערליכע ווינטער-ספארטען.

זיגמונט הארוויץ.

אויסלענדישע ספארטשפילער אויף דער ווינטער-מכביאדע

די ארגאניזאטארען פון דער מכביאדע איז געלונגען צו קומען אין קאנטאקט מיט א רייהע מכבי-פערבאנדען אין אויסלאנד. די דעפיניטיווע צוזאמענשטעלונג פון די דרוזשינעס קען מען ערשט ערווארטען אין אנפאנג דעצעמבער ה. י.

אויפ'ן יסוד פון די ביז-איצטיגע פערהאנדלונגען ערווארט מען בלי ספק דאס קומען פון אויסלענדישע אנטיילנעהמער א. צ.: פון עסטרייך, טשעכאסלאוואקיען, דייטשלאנד, רומעניען, יוגאסלאוויען און אונגארן. א חוץ דעם פערטראקטירען מיר מיט די פעראייניגטע שטאטען פון אמעריקא, שוועדען, נארוועגען, שווייצאריען, איטאליען און ענגלאנד.

אויספלוגען אויף דער מכביאדע

אונטען גיבען מיר איבער די בעדינגונגען פון די אויספלוגען: עס זענען איינגעפיהרט 5 טוריסטען-קלאסען.

1 קלאס: פאר מכבי-מיטגלידער וועט קאסטען 105 זל. פאר נישט-מיטגלידער 115 זל. פאר דעם בעקומט מען די רייזע מיט 2 קלאס פון קראקע ביז זאקאפאנע און צוריק, וואוינונג און אויסהאלטונג במשך פון 4 טעג אין א פענסיאנאט ערשטע קלאס, איינטריטס-קארטען אויף אלע ספארט-אימפרעזען און אקאדעמיע.

2 קלאס: פאר מכבי-מיטגלידער 85 זל. און נישט-מיטגלידער 92 זל. רייזע 3-טע קלאס פון קראקע ביז זאקאפאנע און צוריק, וואוינונג און אויסהאלטונג במשך פון 4 טעג אין פענסיאנאט ערשטע קלאס, איינטריטס-קארטען אויף אלע ספארט-אימפרעזען און אויף די ערעפנונגס-אקאדעמיע.

3 קלאס: פאר מכבי-מיטגלידער 60 זל. פאר נישט-מיטגלידער 65 זל. רייזע 3-טע קלאס פון קראקע ביז זאקאפאנע און צוריק, וואוינונג און אויסהאלטונג במשך פון 4 טעג אין פענסיאנאט דריטע קלאס, איינטריטס-קארטען אויף אלע ספארט-אימפרעזען און ערעפנונגס-אקאדעמיע.

4 קלאס: פאר מכבי-מיטגלידער 42 זל. פאר נישט-מיטגלידער 45 זל. רייזע 3-טע קלאס פון קראקע ביז זאקאפאנע און צוריק, מאסענקווארטיר אין בעטען מיט בעטגעוואנט, דריי מאל טעגליך עסען, איינטריטס-קארטען אויף אלע ספארט-אימפרעזען.

5 קלאס: נור פאר מכבי-מיטגלידער 23.50 זל. רייזע 3 קלאס פון קראקע ביז זאקאפאנע, וואוינונג און מאסען-קווארטיר מיט שעניקעס אהן בעטגעוואנט, איינטריטס-קארטען אויף אלע ספארט-שפילען.

די פרייזען פון אלע 5 טוריסטען-קאטעגאריעס נעמען שוין אריין אויך בעהייצונג, בעדינונג, ליכט מיט אלע אפצאלונגען א חוץ קלימאט-טאקסע, וועלכע איז פאר די אויספליגער און בעזוכער פון דער מכביאדע א זעהר נידריגער. די אלע איבענדערמאנטע פרייזען זענען גערעכענט לאקא קראקע. פאר טוריסטען פון אנדערע שטעט קומט נאך צו דער באהן-בילעט ביז קראקע און צוריק פון קראקע אהיים ביי דעם הנחה-פרייז פון 50—33 פראצ.

דער ארויספאהר פון אנדערע שטעט וועט פארקומען דעם 1/2 1933. פון די שטעט: לעמבערג, ווארשע, קראקע, קאטאוויץ, לאדז, לובלין, ווילנע און ראוונע, וועלען ספעציעלע ציגע געהן מיט רעזערווירטע פלעצער פאר יעדען אלימפיאדעבעזוכער. די ארגאניזאציע פאר קאמוניקאציע האט איבערגענומען דאס געלט-בעקאנטע רייזע-ביורא „וואגאנס—ליטס—קאאק, וועלכעס איז דאס אפיציעלע רייזע-ביורא פון דער פארקומענדער ווינטער-מכביאדע אין זאקאפאנע.

איינשרייבונגען און אינפארמאציעס נעמט אן און גיט דער קאמיטעט פון די מכביאדע, קראקע, מיקאלייסקא 6, זוויאנזעק „מכבי" ווארשאווא, פלאץ שעלאזנא בראמא 9. זוויאנזעק „מכבי" לעמבערג, שאפענא 3/7. זוויאנזעק „מכבי" ראוונע, א. זאמ. 3 מאי 29. זוויאנזעק „מכבי" לאדז, ד"ר י. זילבערשטאם, פילסודסקיעגא 65 זוויאנזעק „מכבי" ביעלסקא, אבסטענדער ריצערסקא 1.

ביים איינשרייבען ברויך מען איינצאהלען 15 זל. אויף קאנטא פ. ק. א. נר. 404.586 דאס רעשט געלד דעם 20/12 1932.

2 יודישע ציקליסטען פון פוילען אנגעקומען קיין ארץ-ישראל, דורכמאכענדיג א שטרעקע פון 5000 קילאמעטער

תל-אביב (י. ט. א.) די טעג זענען קיין תל-אביב אנגעקומען 2 יודישע יונגעלייט עמנואל אוריך, 24 יאהר אלט פון סטאניסלאוואו און וויקטאר גראבער, 26 יאהר אלט, פון קראקא, וועלכע מאכען א רייזע ארום דער וועלט. זיי האבען אנגעהויבען זייער נסיעה פון פוילען נאך אין מאנאט מאי ה.י. און האבען דורכגעמאכט אין פוילען גופא 800 קילאמעטער. זייער נסיעה אויף די ראווערען האבען זיי אויסגערעכענט אויף 10 יאהר. די רייזע פון פוילען האט געדויערט 5 חדשים. זיי זענען דורכגעפאהרען די לענדער: רומעניען, בולגאריען, טערקיי, סיריען. איבעראל זענען זיי געשטיצט געווארען דורך די יודישע ספארט-ארגאניזאציעס „מכבי". זיי זעהען אויס מונטער און צופרידען.

גימנאסטי'שע קורסן פאר פרויען

לויט דער איניציאטיוו פון דער פרויען-סעקציע ביים לאדזער „מכבי", זענען ארגאניזירט געווארען גימנאסטישע קורסען פאר פרויען. די קורסען וועלען געפיהרט ווערען דורך די אבסאלווענטקעס פון לאגער אין יוזעפאוו. אלע אינפארמאציעס ערטיילט דער סעקרעטאריאט פון „מכבי".

שווים-קורסען פאר אנפענגער

די שווים-סעקציע ביים לאדזער „מכבי" ארגאניזירט א נייעם שווים-קורס פאר אנפענגער אין זגערזשער באסיין. דעם קורס וועט פיהרען דער בעקאנטער אינסטרוקטאר סטודזשינסקי. פרטים אין סעקרעטאריאט פון „מכבי".

די שווער-אטלעטישע סעקציע פון „מכבי"

הויבט אן צו טרענירען אונטער דער לייטונג פון פוילישע מייסטער — ווייגנארטען און זילבערבוים'ען.

די שווער אטלעטישע סעקציע פון „מכבי" איז איצט פערזעהען מיט א פארשריפטליכער הויבשטאנג אויף איבונגען לויט'ן בערנער-סיסטעם.

י. ס. פ. — וואוועל (קראקא) 4:12

באקס-מעטש

נעכטען איז אין לאדז פארגעקומען א באקס-מעטש וועגען דער קלוב-מייסטערשאפט פון פוילען צווישען „וואוועל" פון קראקא און לאדזער „י.ק.פ."

דער דאזיגער מעטש, האט ארויסגערופען גרויסען אינטערעס און האט צוגעצויגען אנ'עולם פון העכער 1.500 מאן.

דער מעטש האט זיך פערענדיגט מיט א לייכטען נצחון פון דער לאדזער מאנשאפט אין פערהעלטניש פון 4:12.

די בעזונדערע רעזולטאטען זענען פאלגענדע:

אין פליגען-וואג שלאגט פאוולאק (י. ק. פ.) זיכער אויף פינקטען יושטשיקען (וו.).

אין דער האן-וואג געווינט נישט פערדינטערהייט סוואזשעניעווסקי (וואוועל) ספאדענקעוויטש'ען.

סאבארעק (י.ק.פ.) שלאגט זיכער אויף פונקטען אין דער פעדערען-וואג כראסטעק'ן.

אין דער לייכטער-וואג, געווינט באנאשעק (י.ק.פ.) ביי סטודניצקי'ן.

נאך א שטארקער איבערמאכט שלאגט גארנצארעק (י.ק.פ.) דורך א קנאק אוט אין דער האלב-מיטעלער-וואג קאזשעניצקי'ן.

אין דער מיטעל-וואג, טרעפט נישט כמיעלעווסקי (י.ק.פ.) אויף זיינס א גלייכען געגנער און אך עטליכע מאל שיקען זיין געגנער מיעטשיסלאוו קאווסקי אויף די ברעטער, געווינט ער אין דער דריטער רונדע דורך א טעכנישען קנאק-אוט. דער ריכטער האט דא איבערגעריסען דעם קאמף, צוליב דעם, וואס דער קראקאווער באקסער איז שוין נישט פעהיג געווען צו שטעלען א ווידערשטאנד.

אין דער האלב שווערער וואג ווערט זשביק (וואוועל) אנערקענט אלס זיגער איבער ן שטאהל, הגם שטאהל האט פערדינט אויף א רעמיס.

אין דער שווערער וואג, בעקומט י.ק.פ. צוויי פונקטען אהן א קאמף, ווייל „וואוועל" האט נישט צוגעשטעלט קיין געגנער קאנאזשעווסקי'ן.

אויסער'ן מעטש איז פארגעקומען א קאמף צווישען קאנאזשעווסקי און וואצקא פון אויבער-שלעזיען. צוליב דעם, וואס דער דאזיגער קאמף איז מיט א כוגה פערוואנדעלט געווארען אין א קאמעדיע, שרייבען מיר נישט קיין בעריכט פון דאזיגען „קאמף".

דער דייטש זיפערט

האט געווארפען א קויל 16,46 מעטער

ליגע-מעטשען אין לאנד

„פאלאניא" (ווארשא) ארויסגעפאלען פון דער „ליגע"

נעכטען האבען זיך פערענדיגט די „ליגע"-קאמפען אין פוילען, וועלכע זענען אזוי פערביטערט פארגעקומען אין פערלויף פון 8 חדשים. אויב עס איז שוין פאראכטאגען דעצידירט געווארען ווענען מייסטער-טיטעל פון דער „ליגע", איז ערשט נעכטען אין קראקא אפגעשפילט געווארען די טראגעדיע פון „פאלאניע", וועלכע איז צוליב דער מפלה צו „ויסלא"'ן ארויסגעפאלען פון דער „ליגע".

„פאלאניא" געהערט צו די עלטסטע קלובען אין פוילען און געהערט צו דער „ליגע" זייט איהר עקזיסטענץ. „פאלאניא" בעזיצט א גלייכע צאהל פונקטען מיט „טשארני" ביי אנ'ערגערען טויערען-פערהעלטניש.

„לעגיא" — „ל.ק.ס." 4:1 (1:0)

וו א ר ש ע, 27 (טעלעפאניש).

נישט קוקענדיג דערויף, וואס „לעגיא" איז ארויסגעטרעטען אהן די „שטערנס" נאווראט און מארכינא, האט זי דאך אפגעהאלטען א נישט פאראויסגעזעהענעם נצחון איבער דער לאדזער מאנשאפט, וועלכע האט אין די לעצטע „ליגע"-קאמפען אפגעהאלטען גרויסע נצחונות.

די טויערען פאר די זיגער האבען געשאסען וויפיעווסקי 2, פושעזדזשעצקי און נאוואקאווסקי. דאס איינציגע טויער פאר „ל.ק.ס." האט געשאסען הערבסטרייך.

ויסלא — פאלאניא 2:0 (1:0)

ק ר א ק ע, 27 (טעלעפאניש)

דא איז פארגעקומען דער ליגע-קאמף צווישען ויסלא און פאלאניא". דער דאזיגער מעטש האט דעצידירט וועגען ווייטערען גורל פון פאלאניא, וועלכע האבען זיך געקאנט ביי א נצחון פערזיכערן איהר ארט אין דער ליגע. נישט קוקענדיג אויפ'ן אמביציעזען קאמף פון פאלאניא האט זי דאך פערשפילט אין פערהעלטניש פון 0:2

די טויערען האבען געשאסען באלצער און ריימאן.

22 פולק — גארבארניא 1:2

דער 22 פולק האט אפגעהאלטען נאך א גלייכען קאמף א נצחון איבער גארבארניא אין רעזולטאט פון 1:2.

ספארט-שפילען

נעכטען האבען זיך פערענדיגט די מייסטערשאפטס-קאמפען אין קויש-באל פון „בע" און „צע" קלאס.

די רעזולטאטען זענען פאלגענדע:

קויש-באל. מענער

„קאשטשושקי" — „שטערן" 15:28

„ס.ק.ס." — „מארגענשטערן" 6:72

„קאשטשושקי" — „רעסורסא" 10:26

אין „ב" קלאס פון קוישבאל פון מענער האט אוואנסירט „קאשטשושקי" און אין „א" קלאס, פרויען „שטערן".

„טור" (פאביאניץ) — „הוראגאן" 1:2

דער דעצידירענדער מעטש וועגען דער מייסטערשאפט פון „צע" קלאס, האט זיך אונפגעהאפט פערענדיגט מיט א נצחון פון „טור" אין רעזולטאט פון 1:2.

א דאנק דעם נצחון, האט „טור" פערנומען דאס ערשטע ארט אין „צע" קלאס.

„ווארטא" (פויזען) — „פאלאניא" 6:10

באקס-מעטש וועגען דער קלובען-מייסטערשאפט פון פוילען.

„רוך" רעמיזירט אין בויטען 3:3

ביי 10 טויזענד אנוועזענדע האט די „ליגע"-מאנשאפט „רוך" רעמיזירט אין בויטען מיט „בויטען" אין רעזולטאט פון 3:3.

א.ז.ס. — מייסטער פון ווארשא

אין ווארשא האט אין דעצידירענדען פוסבאל-מעטש וועגן מייסטער-טיטול פון ווארשא געשלאגען „סקאדא" 0:1.

די ערשטע יידישע קאָמיסיאָנערן אין לאָדז

צו דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער לאָדזער טעקסטיל-אינדוסטריע

ווישעוויאַנסקי און כאַוקין

לייב ווישעוויאַנסקי איז געקומען אין יאָהר 1872 פון לוקניקי קאָוונער גובערניע קיין לאָדז. אַליין איז ווישעוויאַנסקי געווען פריהער אַ מאַנופאַקטור-סוחר אין קאָוונע. צוערשט האָט ער אַליין גראָיסגעשיקט פון לאָדז, מאַנופאַקטור-סחורות קיין קאָוונע און אין די אַרומיגע שטעדטלעך. אין יאָהר 1882 האָט ווישעוויאַנסקי מיט יהושע-בער כאַוקין געמאַכט שותפות. זיי האָבען געגרינדעט אַ גרויסען קאָמיסיאָנס-געשעפט אונטער דער פירמע „ווישעוויאַנסקי און כאַוקין".

אַ דאַנק זייער אינטעליגענץ און סוחרישע פעהיגקייטען האָבען זיי געשטיגען וואָס אַמאָל אַלץ העכער ביז זיי האָבען אין יאָהר 1890 איבער-געגעבען דעם קאָמיסיאָנס געשעפט, ווישעוויאַנסקי'ס קוזין, מאַרקוס און כאַוקינ'ס זוהן, וואָס די פירמע איז געגאַנגען אונטער דעם נאָמען, „מאַרקוס און כאַוקין":

אַליין האָבען זיי אינ'ם דאָזיגען יאָהר געגרינדעט אַ פאַבריקאַציע-אונטערנעהמונג אונטערן נאָמען, ווישעוויאַנסקי און כאַוקין.

לייב ווישעוויאַנסקי האָט אין יאָהר 1882 אָפּגעקויפט אויף פּאָלודניאָווע 23 אַ גרויסען פּלאַץ און באַלד אויסגעבוים אַ גרויסע צוויי-שטאָקיגע פראָנט-געביידע און צוויי אָפיציגעס.

אין אָנהויב פון די ניינציגער יאָהרען האָט לייב ווישעוויאַנסקי געגרינדעט צוזאַמען מיט כאַוינ'ען אַ גרויסען גאַרן-געשעפט.

אין יאָהר 1897 האָט לייב ווישעוויאַנסקי צוזאַמען מיט פרומקינ'ען (שלאָסבערג'ס איידעם) געגרינדעט די פּיעטרקאָווער מאַנופאַקטור, און אין איינינגע יאָהר פרום זענען זיי אַרויסגעטראָטען פון זייער אונטערנעהמונג.

אין יאָהר 1902 איז לייב ווישעוויאַנסקי געשטאָרבען אין עלטער פון 58 יאָהר.

דער באַקאַנטער כלל-טוער ד"ר שמעון ווישעוויאַנסקי (פּרעזעס פון „אָרט") איז זיין זוהן.

יהושע-בער כאַוקין איז אין יאָהר 1878 געקומען פון שקלאָוו קיין לאָדז.

כאַוקין האָט צוערשט מיט זיין פאָטער אהרן כאַוקין געפיהרט אין מאָסקווע אַ גרויסען מאַנופאַקטור-געשעפט, נאָר ווען מ'האָט אין מאָסקווע אָנגעהויבען רודפ'ען די יודען און דער

פון ב. פּאַרעצקי

צורר יהודים איגנאַטיעוו האָט אַרויסגעגעבען די גזירה פון אַרויסטרייבען די יודען פון מאָסקווע, איז יהושע-בער כאַוקין געקומען קיין לאָדז און דאָ צוזאַמען מיט לייב ווישעוויאַנסקי געגרינדעט דאָס קאָמיסיאָנס-געשעפט אונטער דער פירמע, „ווישעוויאַנסקי און כאַוקין".

די קונדען זייערע זענען געווען פון ליטע, מאָהילעווער און טשערניגאָווער גובערניעס.

די פירמע „ווישעוויאַנסקי און כאַוקין" איז געווען אין לאָדז בעקאַנט אַלס אַ סאָלידע און רייכע פירמע, און גיהאַט דעם העכסטען קרעדיט.

כאַוקין איז געווען אַ ועהר ריהרעווודיגער און אין די סוחרישע קרייזען האָט מען איהם גערופען „קוועק-זילבער".

כאַוקין האָט זיך איבעראַל נעפונען אין אַלע חברות און אין אַלע בתי מדרשים. די לומדים האָבען איהם גערופען „רוח חיה" און האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכרון.

כאַוקין האָט אויך געהאַט אַ נייגונג צו זאַמלען ספרים און כתבים, זיין ביבליאָטעק איז געוואָרען אין לאָדז אַ שם-דבר. נישט נאָר ספרים פון רבנים איז בעשטאַנען זיין ביבליאָטעק, נאָר פון וויסענשאַפטליכע ביכער און דער עיקר „יודאַיקא".

אין יאָהר 1921 איז יהושע-בער כאַוקין געשטאָרבען אין אַלטער פון 72 יאָהר.

פון זיין גרויסער ביבליאָטעק, זענען די ספרי קודש איבערגעגעבען געוואָרען אין שול פון „בקור חולים" וואו ס'געפינט זיך אַ ספּעציעלער שאַנק אויף זיין נאָמען און די וויסענשאַפטליכע און „יודאַיקא"-ביכער זענען איבערגעשיקט געוואָרען אין דער ביבליאָטעק ביים ירושלים'ער אוניווערזיטעט.

שמואל יואל קב ונקי

שמואל יואל קב ונקי איז געקומען אין יאָהר 1872 פון גראָדנאַ קיין לאָדז. ער האָט געפיהרט אין גראָדנאַ אַ מאַנופאַקטור-געשעפט און זיין פרוי טויבע איז געווען די סוחר'טע.

אין די זיבעציגער יאָהרען האָט קב-ונקי חתונה געמאַכט זיין עלטסטע טאָכטער מיט זיין שוואָגער משה מרדכי מאַנוסעוויטש און צוזאַמען האָט ער געעפענט אין ביאַליסטאָק אַ מאַנופאַקטור-געשעפט אונטער דער פירמע „קב-ונקי און מאַנוסעוויטש".

ווען אין יאָהר 1872 איז קב-ונקי אַפּגעפאָהרען קיין לאָדז, וואו ער האָט אָנגעהויבען איינצוקויפען סחורות פאַר זיינע ביידע געשעפטען, האָט ער איבערגעלאָזען זיין זוהן יעקב קב-ונקי אָנצופיהרען מיט ביידע געשעפטען.

אין לאָדז איז אָבער שמואל יואל קב-ונקי'ן בעסער געלונגען חי זיין זוהן יעקב מיט ביידע געשעפטען אין גראָדנא און אין ביאַליסטאָק האָט מאַנוסעוויטש דאַן אַליין איבערגענומען דאָס געשעפט אין ביאַליסטאָק, ווען דאָס געשעפט אין גראָדנאַ, איז ליקווידירט געוואָרען.

אין יאָהר 1878 האָט שמואל יואל קב-ונקי אַריבערגענומען זיין פאַמיליע קיין לאָדז. אונטער דער צייט האָט ער צונויפגעזאַמעלט ביי משה אהרון ווינער אַ סומע פון 10,000 רובעל, ווינער אַלס חסידישער יוד האָט נישט געצאָהלט קיין צינזען און שמואל יואל קב-ונקי האָט נישט גענומען קיין צינזען. באַלד האָט ער אָפּגעקויפט אויף דער אַלטער פּאָסט-גאַס (פּילסודסקי) 17 אַ קליין הייזעל מיט אַ גרויסען פּלאַץ און דאָרט זיך אַריינגעצויגען.

דער נאָמען שמואל יואל קב-ונקי איז געוואָרען אַלץ זעהר פּאָפּולער און קב-ונקי איז געוואָרען איינער פון די גרעסטע קאָמיסיאָנערען, וואָס דערמיט האָט זיך זיין רייכטום פערגרעסערט. אין יאָהר 1890 בויט שמואל יואל קב-ונקי אַ גרויס צוויי שטאָקיג הויז.

זיין פרוי טויבע סב-ונקי איז געווען אַ זעלטענע פרוי. זי האָט זיך אָפּגעגעבען מיט חתונה-מאַכען אָרימע מיידלעך און אַלעמען געגעבען אַ פיינעם אויסשטייער.

אין איהר הויז, וואו ס'האָבען זיך געפינען זיהן, טעכטער, שנורען און אייניקלעך, האָבען שטענדיג געאַרבייט שניידערינס און וועשערינס נישט נאָר פאַר איהרע קינדער נאָר פאַר די אָרימע כלות. זי האָט אויסער וועש און בעט-געוואַנט, געגעבען יעדע איינע אַ פּלושענעם מאַנטעל און אַ סאַטין-דע-ליאָן קלייד.

שמואל יואל קב ונקי איז געווען אַ גרויסער בעל-צדקה.

אין יאָהר 1905 פאָהרט אָפּ שמואל יואל קב ונקי קיין ארץ-ישראל, וואָס אין יאָהר 1911 שטאַרבט ער אין אַלטער פון 75 יאָהר.

שמואל יואל קב-ונקי איז געקומען צו קבורה אויפ'ן הר-הזתים אין ירושלים אין איין שורה מיט זיינע ברידער משה און יוסף קב ונקי. זיין פאָטער ר' לייב הערש קב ונקי איז געווען גבאי פון דער צדקה-גדולה אין ירושלים.

די פרוי פון לאָדזער ד"ר וואָלפזאָן, איז אַנ'אייניקעל פון שמואל יואל קב-ונקי.

אין רוהר-געביט ווערען געמאַכט פּראָבעס פון אַנ'ערפינדונג ווי אַזוי צו פערהיטען פון שרפות ביי אויפרייסען אין די גרובען

קלאַנג-קינאָ-טעאַטער
ŻACHĘTA
26 זגערזשער 26
היינט און פאלג. טעג!
גרויסע מעכטיגע דראַמע א.נ.
אוואַנטוריסטין
אין די הויפּט-ראָלען:
Gina Magnes, Gabriel Gabrio
אויסערן פּראָגראַם: דראַמע פון אַ פרויען-נשמה א.נ. „די זינדיגע פרוי"
מיט Bille Dove אין די הויפּט-ראָל
נעכסטער פּראָגראַם: „סערזשאַנט X"
מיט איוואַן מאָזשוכין.
אָנהויב פון די סעאַנסען טעגליך 4 נאָכמיטאָג
שבת און זונטאָג 12 א זייגער בייטאָג.

אין דער וועלט פון אַמעריקאַנער „יאַהודים"

אַ שוהל, ווי אַ קלויסטער — מגן-דודלעך, ווי צלמימלעך — סטודענטען, ווי ישיבה-בחורים, עסען טעג

דער מיטאַרבייטער פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס" ה' לאַנג האָט לעצטענס זיך אַריינגעלאָזען אין דער געדיכטעניש פון די אַמעריקאַנער אַסימילירטע יאַהודים, וואָס איז אַ גרויסע אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר זיך, און האָט דאָרט אויסגעפונען זייער משיקאָווע זאַכען.

אַזוי, למשל, האָט ער געזעהן אַ רעפאָרמירטע שוהל, וואָס שטעהט אַ גאַנצען טאָג אָפען, גלייך ווי אַ קירך, להבדיל, און פון צייט צו צייט כאַפּט זיך אַהין אַריין אַ פערבייגעהענדיגע יודישע פרוי, זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק פאַר'ן אָרון-קודש און זיצט אין פרומער שטילער קאָנצענטרירט קייט אַ לענגערע צייט, שעפטשענדיג אין זיך אַ געבעט, וואָס איז נישט געשריבען אין קיין שום סידור, נאָר וואָס דריקט אויס איהרע הייסע וואונשען און פערלאַנגען אין יעדער רגע.

נאָכדעם הויבט זי זיך אויף, טוט אַ קוש דעם פּרוכת אָדער ס'האָלץ פונ'ם עמוד און גייט מיט שטילע טריט אַרויס צוריק.

אַזוי האָט מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק די ביבלישע פרוי חנה פאַר'ן משכן-שילה אויסגעבעטען איהר זוהן שמואל דעם נביא.

ביי אונז טרעפט הייבט נאָר אין אַ מאָמענט פון אַ גאָר גרויסען אומגליק, דערהויפּט ווען עס ליגט אין שטוב אַ געפעהרליכער קראַנקער, אַז אַ יודענע זאָל זיך אַריינרייסען אין שוהל, אויפרייסען דעם אָרון-קודש און מיט האַרצרייסענדיגע יללות פּרובען צערייסען דעם גזר-דין.

אָבער אין אַ געוועהנליכער רוהיגער צייט זאָל אַ יודענע זיך דערוועגען איבערצושטערען דעם שוועל פון דער מאַגנסבילישער שוהל, אַוועקזעצען זיך און שעפטשען אַנ'אייגענע תפילה — דאָס וואָלט ביי אונז געהייסען „מנהג-הגויים".

ביי די רעפאָרמירטע יאַהודים איז עס אין גאָר מאָדע.

און אָט נאָך אַ שעהנערע מעשה:

פערהאַן אין אַמעריקע „קייטען-קראָמען" ד.ה. אַז איין גרויסע פירמע פערמאָגט עטליכע הונדערט קראָמען אין פערשידענע שטעט, וועלכע זענען צווישען זיך פערבונדען; אין דער דאָזיגער קייט פערהאַן איינינגע הונדערט-קראָמען און אפילו בראַנדיגעזע קויף-הייזער און אויך קליינע דעטייל קרעמלעך.

אין פלוצלונג אין גרויסען צענטראַלען געשעפט, אין ניו-יאָרק, אָנגעקומען אַ פעראָרדנונג, פון אַ פיליע ערגעץ, אין טיף-אַמעריקא, מ'זאָל אַרויסשיקען אַ פּאַרטיע קליינע „מגן-דוד'לעך", שיינינ-קע, גאָלדענע אָדער קופּערנע בלישטשענדיגע „מגן דוד'לעך".

וואָס איז עס עפּעס פאַר אַ מין סחורה? אינ'ם דאָזיגען ריזיגען געשעפט קריגט מען אַלץ, וואָס דאָס אויג גלוסט, פון אַ גרויסען טראַקטאָר און משא-אויטאָמאָביל ביז אַ טעשעל נאָדלען, אָבער מיט מגן ד"ד'ס האָט מען דאָרטען נישט געהאַנדעלט, ווייל קיינער האָט עס נישט געפאָדערט; און דאָ פּלוצלונג אַ בעשטעלונג!

אָבער פּירען איז נישט שייך; מע האָט דעם מין בעשטעלט און אַרויסגעשיקט; און באַלד נאָכדעם איז געקומען אַ גרעסערע בעשטעלונג און שפּעטער נאָך אַ גרעסערע — מ'האָט אָנגעהויבען אין טיף-קאַראָליינאַ פאָדערען „מגן-דוד"ס" אין די טויזענדער.

וואָס איז געשעהן? אָט וואָס?

אין קאַראָליינאַ זענען די קריסטען זעהר פרום; האָבען די דאָרטיגע גלחים דערקלערט אַנ'אַגיטאַציע אַז אַלע מיידלעך זאָלען טראָגען אויף די דעקאָלטירטע העלזער שיינע גאָלדענע און קופּערנע צלמלעך; און ס'איז אַריין אין דער מאָדע.

אַזוי ווי די יודישע טעכטער לעבען דאָרט צוזאַמען מיט די קריסטליכע, איז זיי פּשוט געווען אַ חרפה צו גיין מיט בלויזע העלזער אָדער מיט נאַקעטע בראָשקעס, בשעת די שיקסעס טראָגען צלמ'לעך; אַז אַ מאָה עס איז דאָך נישט שייך!

האָט אַ ראַביי אַנ'עצה געגעבען, מ'זאָל מאַכען שיינע מגן-דודלעך און אָנטאָן אויף די העלזער.

דער מנהג האָט זיך באַלד פערשפּרייט איבער גאַנץ קאַראָליינע און פון דאָרטען נאָך ווייטער און מ'מאַכט איצט גאַנץ גוטע ביזנעס מיט „מגן דוד'לעך"...

* * *

אַ גאָר אַלטע יודישע אינסטיטוציע האָט זיך אַריבערגעטראָגען אין אַמעריקא דווקא צו די „יאַהודים".

די אינסטיטוציע פון — „עסען טעג"...

געוויס געדענקט איהר דעם ישיבה-בחור, דעם אָנגעפּאָהרענעם לערנער פון אַנ'אַנדער שטאָט, דעם בלאַסען אָרעם-בחור'ל מיט'ן ציטערדיגען גמרא ניגון, ווי ער האָט געגעסען ברויט אויף פרעמדע טישען.

אַ פערקלונגענער קול — ער האָט זיך איצט אָפּגערופען.

פון סלאָבאָדקע און פון טעלז, פון סלוצק און פון ווילנע, פון וואָלאָזשין און פון לאָמזשע, ביז קענטאַקי און מיזורי, — אַ ווייטער-ווייטער וועג.

„עסען-טעג" — אַ יונגער בחור'ל פערלאָזט זיין הויז, ער גיט זיך אָפּ מיט לערנען, און מיט'ן לעבען איז ער אָנגעוויזען אויף עסען זונטאָג אין איין הויז, מאָנטאָג ביי אַ צווייטער פאַמיליע, און דינסטאָג ביי אַ דריטער משפחה, פרעמדע מענשען, אַ לעבען פון רחמנות און שווערינקייט — אויך דער אַמעריקאַנער בחור איז צו דעם געקומען.

און נישט אַזוי דער בחור, וואָס לערנט דאָ אין די ישיבות אין די סעמינאַרען אין היברו-אינסטיטוט", ווי דער סטודענט אין אַנ'אַמעריקאַנער אוניווערזיטעט.

ס'איז אַנ'אינטערעסאַנטע לאַגע און אַ ריהרענדע.

אין די גוטע צייטען, מיט וואָסערע פיער און פינף יאָהר צוריק, האָבען פיל יודישע סטודענטען אַליין זיך אויסגעשלאָגען זייער חיונה, זיי האָבען געאַרבייט און געלערנט; זיי האָבען געטון די פערשידענסטע אַרבייטען; אָבער איצט זענען געוואָרען אַלץ ווייניגער די אַרבייטס-געלעגענהייטען; דער קריזיס, די ביטערע צייט האָט דערצו געבראַכט; זענען איצט פערהאַן אָרימע יודישע סטודענטען אין אַ קענטאָקער אוניווערזיטעט, אָדער אין מיזורי, אין סיינט לואיס, וועמען פרעמדע באַלעבאַטישע פאַמיליעס העלפען אַרויס; „יאַהודימשע" פאַמיליעס העלפען אַרויס די אָרימע סטודענטען דורך געבען די „טעג"; דאָס איז נישט קיין איינצעל-צופאַל, נאָר טאַקע אַנ'ערשיינונג; ס'איז אַנ'אויפגעוועקטער געפיהל ביי די איינגעזעסענע באַלעבאַטישע משפּחות נישט צו לאָזען אונטערגיין דעם אָרימען אָנגעפאָהרענעם סטודענט פון ניו-יאָרק, צי פון אַבערדשוואו; עסט דער סטודענט מאָנטאָג אין איין הויז און דינסטאָג אין אַ צווייטער הויז; אַזוי אַ גאַנצע וואָך; ער איז אַוודאי נישט אַזוי ווי דער ישיבה-בחור, פון דער אַלטער היים, דער אַמעריקאַנער סטודענט: שוין מיט דעם, וואָס ער איז צומייסטענס נישט קיין לערנער לשמה; ער לערנט נישט אָהן אַ צוועק; ער שטודירט דאָך אויף אַ פּראָפעסיע; אָבער דער עיין לערנען ווערט געשעצט; און מען פיהלט אין די „יאַהודימשע" משפחות, — יודישע משפחות שוין פון צווייטען און דריטען דור אַמעריקאַנער, אַז איהם איז אַ גרויסען אויפטו, ווען מ'קען בייהילפיג זיין אַרויסצוברענגען פאַר דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט נאָך און נאָך אַ געלערנטען יודען; אַ גילגול פון אַנ'אַלטער יודישער אינסטיטוציע. אַ קול פון אַלטע יודישע דורות אין דער וועלט פון אַמעריקאַנער „יאַהודים"...

אין אַמאָליגע יודישע געטאָ פון מעץ

פון מיינע וועג-בלעטלער

פון ל. מלאך

* * *

איך רעכן צו טרעפן אַן אַלטע, איינגעהויקערטע שטאָט, ענגע געסלעך, און פינסטערע דורכגענג.

נאָר אַנ'איבעראַשונג:

אַ וואָקזאַל — דער מאָדערנסטער וואָס כ'האָב ביז איצט געזעהן אין פראַנקרייך. עלעגאַנט און נײַ. מאַסיוו און מיט לוקסוס. פון איין פּאַוויליאָן אין צווייטען — אַ קאָרידאָר מיט פּרעכטיגע אויס-שטעל-פענסטער פון גרויסע געשעפטס-הייזער, אין ביידע זייטען. דער סופיט פון גלאָז, געשליפענע שויבען ווי בורשטין, וואַרפען אַראָפּ צו די ווענד און דיל אַנ'אָפּשיין פון אַ גרויסען, גאָלדענעם רעפלעקטאָר.

אין דרויסען, פאַר'ן וואָקזאַל, אַ פּלאַזשע, געבויט לויט אַ דייטשע פּינקטליכקייט - קאָנסטיטוציע, אַ טעראַס מיט בלומען-בייטען. ס'איז העבסט, נאָר די גרינקייט פון גלייך אַרומגעשניטענע גראָז און די רויטקייט פון פּלאַן-מעסיג וואַקסענדיגע רויזען קוועלען אין אויג. אַ לאַנגע שורה פון עלעגאַנטע האָטעלען, עלעקטרישע לאָמפּען אויף פיין גראַווירטע שטאָל-שטאַנגען, ווייך-גלעטענדיגע ליכט-רעקלאַמעס אויף די דעכער גיבען אַנ'אָנדייטונג פון אַ נייער, אַ מאָדערנער שטאָט.

אַרום וואָקזאַל איז טאַקע די נייע-שטאָט. אַלעען און בולוואַרען.

דאָס גרויסע, אַלטע, רוהמפולע מעץ, די הויפּט שטאָט פון לאָטרינגען, איז נישט מעהר ווי אַ קליינע אָדער גרעסערע פּראָווינץ-שטאָט. אין צוואַנציג מינוט שפּאַנט מען אויס די לענג פון ברעג צו ברעג.

דאָס אַלטע ראָטהויז — דער שטאָט-האָטעל, זעהט אויס, ווי אַנ'אַלטע חורבה. עס דאַכט זיך, אַז ווען דער ווינט צושפּילט זיך מיט די פענסטער, וועט זיך, באַלד הערען אַ קלאַנג פון שויבען... נישט ווייט פון דאָרט, שטעהט דאָס שטאָטישע טעאַטער נאָך פון די רוימישע צייטען אָן. דער פּלאַץ אַרום איז גרוי און אַלט — אַ פּאָרשטאָט צום מיטעלאַלטער.

און פון דאָרט לינקס, הויבט זיך אָן אַלט-מעץ, דאָס מעץ פון דער געשיכטע, פון די הערצאָגס, קרייץ-צוגען, געטאָס, ישיבות, מאָנאַסטירען, שוץ-פעסטונגען, די קוואַרטאַלען פון נייעם יודישען ישוב, קאַזאַרמעס, שולען, הקדש און — געסלעך פון „רויטע ליכט".

דאָס לעצטע איז דער גרויסער [illegible] אויף דעם בלעטעל געשיכטע פון [illegible] יודישען מעץ.

לענג אויס דעם טייך ציהען זיך אַ שורה האַלב איינגעפאַלענע שטיבלעך, געהויקערט און גענייגען. אָפּגעשיילטע שטיקער מויער פאַלן ביי די שוועלען. אָפּגעריסענע שטיקער דעכער האָט פערגאַנגען דער ווינט אַוועקגעטראָגען. קליינע פענסטערלעך, פערהאַמעוערטע לאָדענס און פערשלאָגענע טירען.

דאָס זענען געווען די ישיבות פון רש"י און ר' יונתן אייבעשיץ. יונגע לייט פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד און אַפילו פון פוילען זענען טאָג און נאַכט געזעסען, געלערענט און געשליפען די מוחות.

היינט זענען די דאָזיגע אַמאָליגע ישיבות, בתי-מדרשים, פּשוט'ע שאַנד-הייזער, נישט אַלע אויפשריפטען פון אַמאָל זענען נאָך אינגאַנצען אָפּגעמעקט געוואָרען. ערגעץ אויבען אַ טרעפּעל, נעבען אַנ'אויוען, איבער אַ טיר רייסט זיך נאָך אַ דורך דורך דעם פסדר'דיגען קאַלך, קרייד און פאַרב — וואָס אַ געכתיבה'טער פסוק, וואָס וועלכער ישיבה-בחור, רש"י'ס אַ תלמיד, האָט אויסגעקריצט. אויף די טירען געפינען זיך נאָך איינקריצונגען פון מזוזות, אויף די [illegible], און אויף אַנדערע — טאַקע די מזוזות גופא...

ביי טאָג איז שטיל און ליידיג אין „רש"י'ס געסלעך", פאָלקס-פרויען וואַשען דאָרט, ביי דעם דורכלויפענדיגען טייך, זייערע וועש.

* * *

ווי אין אַ לאַבירינט פון פינסטערע, פייכטע קאָרידאָר-היילען, שפּאַן איך איבער דער אַמאָליגער געטאָ, וואָס טראָגט נאָך היינט דעם נאָמען „יודען-גאַסע".

דאָס געטאָ, די יודענגאַס, דאָס איז שוין די שפּעטערדיגע עפּאָכע, ווען דער קאַטאָליציזם האָט זיך דאָ געשאַפן פעסטונגען און פּאָזיציעס.

ביי דער גרענעץ צווישן דעם נייעם און אַלט-נייעם שטאָט-טייל, שטעהט אַ טריאומף-טויער ווי אַנ'אַריינגאַנג צו אַ ציטאַדעל. אויפ'ן דאַך פון טויער — אַ דיקער שיכט מיט ערד און גראָז, שטיל'ע אויפשריפטען גיבען איבער די מלחמה-געשיכטע פון דער שטאָט מעץ, איהר איבערגעהן פון איין האַנד צו דער אַנדערער. צוויי אויסגראַווירונגען מיט כמעט אָפּגעבלייכטע גאָלד דערצעהלט „דורך דעם טויער איז דאָס דייטשע חיל אַריינגעדרינגען אין מעץ און געהאַלטען קנאַפּע פופציג יאָהר. דאָס פאָלק פון לאָטרינגען אונטער פערשקלאַפונג.

...אין טויזענד ניין הונדערט אַכצען, איז דורך דעם זעלבען טויער אַריין דאָס פראַנצויזישע מיליטער און באַפרייט די שטאָט פון דייטשען באַרבאַריזם און יעקישען יאָך".

שוין העכער אַ צעהנדליג יאָהר, ווי מען איז „באַפרייט" פון דייטשען יאָך, נאָר איך האָב אומזיסט געזוכט די באַפרייאונג פון די דייטשען איינפלוס קולטור, שפּראַך און פאָרם.

לאָטרינגען איז אין תוך געבליבען אַ דייטשישע פּראָווינץ אונטער דער פראַנצויזישער פאָהן.

קנאַפּע טויזענד יאָהר האָט פראַנקרייך נישט געקענט מאַכען פון לאָטרינגען, דאָס, וואָס דייטשלאַנד האָט געמאַכט אין משך פון קנאַפּע פופציג יאָהר.

אין דער היים, אין גאַס, אין געזעלשאַפט, רעדט מען דעם לאָטרינגישען דייטש. דאָס טעאַטער און צייטונגען — דייטש.

אין געשעפט, אין פאַבריק, אין קלוב, אין קאַפע און אין מלוכה-אַמט — דייטש.

דאָס ווערט אויסגעטייטשט מיט דער טאָלעראַנץ פון פראַנקרייך, וועלכע צווינגט נישט אַרויף אויף איהרע אַ פּראָווינץ איהר שפּראַך און קולטור, כאָטש זי בעמיהט זיך כסדר אָפּצעווישען און פערשאַרען יעדען זכר פון דער דייטשער הערשאַפט.

די שטאָט-גערטנער און פּלאַזשעס, זענען בעפרייט פון די מאָנומענטען, פיגורען און סימבאָלען, וואָס די פריהערדיגע מאַכט-האָבער האָבען אויפגעשטעלט אין אָנדענק פון זייערע גרויסע מלוכה-מענער, אַרמיי-פיהרער, זיגער און דיכטער. די שול, די פאָלקס-שול איז דער וואַרשטאַט, וואָס דאַרף איבערקנעטען דעם לאָטרינגישען מענש, דעם נייעם דור, און איהם בעקענען צו דער גרויסער פראַנצויזישער קולטור, שפּראַך און פערשמעלצען אין איין גאַנציע.

נאָר דערווייל געהט זיך דאָס לעבען זיין וועג. פראַנצויזיש איז אפשר דער בעסערער טאָן פון דער יוגענד. נאָר דייטש-לאָטרינגיש איז דאָס היימישע, זאַפטיגע ברויט, וואָס די גאַנצע בעפעלקערונג קייט געשמאַק און אַפּעטיטלעך.

* * *

אין דער יודישער געשיכטע בכלל און אין דער יודישער געשיכטע בפרט, פערנעהמט די שטאָט מעץ, אַ גרויס, אַנ'אָנגעוועהן אָרט.

און אָט זעהט זיך מען אין די העלע טעג פון יודישען אויפלעב. די חכמים, די גאונים, די גרויסע ישיבות רש"י, פון דאַנען האָט גע'שם'ט דער מאור הגולה; ר' יונתן אייבעשיץ האָט דאָ זיינע ספרים מחבר געווען.

און דאָ קומען די בלוטיגע בלעטלער פון דער יודישער געשיכטע. דער מאָזעל-טייך רויטעלט זיך מיט יודיש בלוט, אויטאָ-דע-פען, שייטער-הויפענס, פייניגונגען גזרות, בלבולים, יודענגאַסען, פייער, טויט, פערניכטונג.

רוסישער פאָרשער ענטדעקט מיטעל פאַר מעהר שפּייז

מיט איניגע וואָכען צוריק איז אין קאָרנעל אוניווערזיטעט פאָרגעקומען אַנ'אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון גענעטיקער, און אויף יענעם קאָנגרעס איז בעריכטעט געוואָרען יענע די מערקווירדיגע ענטדעקונגען פון דעם רוסישען פאָרשער, ד"ר ט. ד. ליסענקאָ פון אדעס.

ד"ר ליסענקאָ האָט ענטדעקט, אַז מען זאָל די זאָמען פון פלאַנצען בעהאַנדלען אויף אַ געוויסען און פערהעלטנישמעסיג איינפאַכען אופן, וועלען די געוועקסען זיין אויסערגעוועהנליכע: אַזעלכע פלאַנצען, וואָס וואַקסען אין לענדער מיט אַ מיטעלמעסיגען קלימאַט; און פלאַנצען וואָס וואַקסען אין מיטעלמעסיג, וואַרימע לענדער, וועלען וואַקסען אין קיהלע געגענדען, פלאַנצען וואָס וואַקסען אין איין צייט פון יאָהר קען מען צווינגען צו וואַקסען אין אַ צווייטער צייט פון יאָהר, מען קען די פלאַנצען צווינגען צו וואַקסען אין אַ פיל קירצערער צייט און געבען פיל גרעסערע געוועקסען ווי פריהער.

אין דער אונטערשטער שורה מיינט עס, אַז ד"ר ליסענקאָ האָט ענטדעקט אַ מעטאָד ווי אַזוי אַרויסצוקריגען מעהר שפּייז און פערשידענאַרטיגערע שפּייז פון זעלבען שטיק לאַנד.

איז די זאַך זעהר אַנ'אינטערעסאַנטע, אָבער איינגאַנצען ניי איז עס נישט, פאַר די לעצטע יאָהרען ווערען אין די לאַבאָראַטאָריעס פון דער וועלט דורכגעפיהרט עקספּערימענטען וואָס געבען אַזעלכע מערקווירדיגע רעזולטאַטען, וואָס גרענצען זיך איינפאַך מיט כישוף, אַמוועגענדיג פערשידענע [illegible] אויף די זאָמען פון פלאַנצען, אָדער אויף די אייערלעך פון פויגלען און אינזעקטען קען מען מיט זיי מאַניפּולירען אויף פערשידענע אופנים. מען קען בעשטימען דעם געשלעכט פון דעם אינזעקט און אַפילו פון אַ פויגעל אין פאָראויס, הינדעלעך זענען געוואַקסען מיט אַ טאָפּעלטער שנעלקייט, פלאַנצען זענען געוואַקסען צוויי און דריי מאָל שנעלער, און אַזוי ווייטער, און אויב די אַלע ענטדעקונגען ווערען אין דער פּראַקטיקע גאָר נישט אָנגעווענדעט, איז עס טיילווייז דערפאַר, ווייל די אַלע ענטדעקונגען זענען נאָך נישט דערפיהרט געוואָרען צו אַ שטופע פון פּראַקטישער פאָלקאָמענהייט, און הויפּטזעכליך דערפאַר, ווייל עס לוינט זיך נישט.

און אין דער אמת'ן: וואָס וועט שוין זיין ווען מען וועט פון זעלבען שטיקעל לאַנד אַרויסקריגען צוויי-דריי-פיער-פינף מאָל אַזוי פיל שפּייז, אַז מיר האָבען נישט וואו אַהינצוטון די שפּייז, וואָס מען קריגט איצטער אַרויס פון דער ערד דורך די געוועהנליכע, פּשוטע מיטלען? אין ניו-דזשוירסי לאָזט מען בערג מיט קרויט און אַנדערע ירקות פוילען אין פעלד; אין די מזרח-שטאַטען לאָזט מען בערג מיט עפּעל, באַרנעס און אַנדערע פרוכטען פוילען אין די גערטנער; אין דער דרום-מערב לאָזט מען בערג מיט ווייץ פוילען אויף די פעלדער אָדער מען הייצט מיט זיי די אויוועס; אין בראַזיל שיט מען טויזענדער טאָן קאַווע אין ים, אָדער מען הייצט מיט דעם די לאָקאָמאָטיוען; אין טעקסאַס גיסט מען מילך אין רינשטאָק; אין צענטראַל- און זיד-אַמעריקע וואַרפט מען שיפען מיט באַנאַנעס אין ים, — און אַזוי ווייטער און ווייטער.

זעהט איהר, — ווען דער זעלבער ד"ר ליסענקאָ אָדער אַנ'אַנדערער זאָל ענטדעקן אַ מיטעל ווי אַזוי פונאַנדערצוטיילען די בערג מיט שפּייז-מאַטעריאַלען, וואָס ווערען פערברענט, פערניכטעט, געזונקען אין ים אָדער פערפוילט אויפ'ן פעלד — צווישען די מיליאָנען מענשען וואָס ליידען הונגער אין די זעלבע לענדער און אין דער זעלבער צייט, — וואָלט עס ווירקליך געווען אַ געוואַלדיגער אויפטו. מען זאָגט, אַז אין דעם לאַנד וואו דער דר. ליסענקאָ וואוינט און האָט זיין ענטדעקונג געמאַכט, ווערען עקספּערימענטען דורכגעפיהרט אָט דעם צוועק צו דערגרייכען.

אָבער פון דעם וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט האָט די ענטדעקונג פון דר' ליסענקאָ אַ זעהר גרויסע בעדייטונג דאָס מיינט, אַז מענשען דרינגען אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין די סודות פון דער נאַטור און ווערען אַלץ וויניגער אָפּהענגיג פון איהרע קאַפּריזען.

אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, האָט מען זיך שטאַרק געשראָקען פאַר'ן צושנעלען וואוקס פון דער בעפעלקערונג, מען האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט קומען אַ מאָמענט ווען די ערד וועט נישט קענען אַרויסגעבען גענוג שפּייז, פאַר „אַזוי פיל מענשען", אויב עס האָט געראָטען - איז געווען וואָס צו עסען; און אויב עס האָט נישט געראָטען — האָבען מענשען געהונגערט און אַפילו געשטאָרבען פון הונגער. אַפילו איצטער שטאַרבען אַ סך מענשען פון הונגער אין כינא; און קומט דאָרט אַ יאָהר פון אומגערעטעניש — שטאַרבען מענשען פון הונגער אין די טויזענדער. אָדער אין די ציווילירטע לענדער, וואו עס ווערען אָנגעווענדעט די רעזולטאַטען פון וויסענשאַפט און טעכניק, איז מען שוין נישט אָפּהענגיג פון די קאַפּריזען פון דער נאַטור, און די ערד גיט שטענדיג אַרויס מעהר ווי מען קען פערברויכען.

ל. באַראַדולין.

די געשיכטע פון קאָרטען און קאָרטען-שפּיל הויבט זיך אָן אין מצרים

קיינער ווייס נישט בעשטימט ווער עס האָט אויסגעטראַכט די שפּיל אין קאָרטען, פונקט ווי קיינער ווייס נישט ווען עס איז אַרויסגעקומען דאָס ערשטע טעשעל קאָרטען פון דרוק, און פונקט אַזוי ווייסט אויך קיינער נישט ווער עס האָט געמאַכט די פאָרם און די צייכנונגען אויף די קאָרטען. מען ווייסט אָבער, אַז אין דעם אַלטען עגיפּטען האָט מען שוין געשפּילט אין קאָרטען.

עס זענען אָבער דאָ מענשען וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט דער פאָרשונג פון קאָרטענשפּיל וועלכע בעהויפּטען אַז נאָך פאַר די עגיפּטער האָט מען שוין געשפּילט קאָרטען אין כינע און אין אינדיען.

די היינטיגע קאָרטען, וואָס געפינען זיך כמעט אין איטליכער שטוב, אין די באַהנען, האָטעלען און שפּיל-הייזער זענען שוין דורכגעגאַנגען טויזענדער גלגולים, די מענשעלעך אויף די היינטיגע קאָרטען און די צייכנונגען זענען שוין טויזענדער מאָל איבערגעביטען געוואָרען, דאָ וואו היינט איז אויסגעמאָלט אַ קעניגין, איז אַמאָל געווען אויסגעמאָלט די צורה פון אַ חיה, און דאָ וואו היינט איז אויסגעמאָלט דער קעניג, איז אַמאָל געווען אַ שווערד, אויך די אַנדערע געמעלעכצען זענען היינט אַנדערש ווי די אַמאָליגע.

אָבער ווער עס איז געווען דער ערשטער גע-ניאַלער מענש, וואָס האָט אויסגעטראַכט די שפּיל, וועט מען שוין אפשר קיינמאָל נישט וויסען, אַ סך נאַציעס רייסען זיך אַרום איבער דער פראַגע וועלכע נאַציע עס האָט די ערשטע געוואוסט פון קאָרטען, דייטשלאַנד, שפּאַניען און איטאַליען האָבען נישט-לאַנג צוריק אַרויסגעגעבען עפענטליכע דערקלערונגען וועגען דעם, אַז דער כבוד קומט זיי, ווייל זיי זענען געווען די ערשטע קאָרטע-שפּילער דערביי האָט יעדעס לאַנד באַזונדער אָנגעגעבען אינטערעסאַנטע פאַקטען, און ווען די פאַקטען זענען בעעפענטליכט געוואָרען פון די [illegible] דער, איז געקומען פראַנקרייך און דערקלערט, אַז די קאָרטענשפּיל איז נאָר ספּעציעל געשאַפען געוואָרען כדי צו געבען דעם פראַנצויזישען קעניג, טשאַרל דעם זעקסטען, אַ מעגליכקייט צו פערטרייבען די צייט, די פראַנצויזען געהען מיט דער סברא אַז קאָרטענשפּיל האָט זיך אָנגעהויבען אין דעם יאָהר 1392 און — פערשטעהט זיך — אין פראַנקרייך.

זענען געקומען די כינעזער און חוזק געמאַכט פון די פראַנצויזען, וואָס זאָגען, אַז קאָרטענשפּיל איז ערשט אַלט אַזעלכע זעקס הונדערט יאָהר. זיי, די כינעזער חכמים בעווייזען מיט פאַקטען, אַז זייערע אור-אור-עלטערען האָבען געשפּילט אין קאָרטען מיט צוויי טויזענד יאָהר פריהער איידער יענעם איז נאָך געבוירען געוואָרען. זיי בעווייזען מיט פאַקטען, אַז אויף דעם אָריענט איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון קאָרטענשפּיל.

און אין אינדיען, וואו גאַנדהי האָט ערשט נישט-לאַנג צוריק זיך אָפּגעגעבען מיט אַזאַ ערנסטער פראַגע, ווי פאַסטען ביז'ן טויט, האָט זיך געכאַפּט אַז גאַנדהי מעג זיך טאַקע אינזינען האָבען וויכטיגע פּראָבלעמען, פונדעסטוועגען, טאָר ער נישט אָפּטרעטען דעם כבוד פון קאָרטענשפּיל די איראָפּעער, דערום זענען די הינדוסען אַרויסגעקומען מיט אַ בעשרייבונג וואָס דאַרף בעווייזען אַז נישט כינע און נישט קיין [illegible] אין דער וועלט האָט דאָס רעכט צו בעטען, און צו בעקומען דעם כבוד פון צו זיין די ערשטע קאָרטענשפּילער, וואָרים די ערשטע הינדוסען, נאָך מיט אַזעלכע פיער און פינף טויזענד יאָהר צוריק האָבען שוין געשפּילט אין קאָרטען. יענע קאָרטען זענען זיכער נישט געווען ענליך צו די היינטיגע, אין וועלכע דער מאַן פערשפּילט אַמאָל די שכירות, און איבער וועלכע די פרוי קען אַמאָל פערשפּעטיגען מיט'ן מאָלצייט; אָבער פאָרט זענען דאָס געווען קאָרטען און זענען געווען פונקט אַזוי געפעהרליך ווי די היינטיגע.

נאָר טאָמער זענען אייך ווייניג די אַלע פאַקטען איז צוגעקומען נאָך איינע", וואָס דאַרף בעווייזען, אַז נישט די פראַנצויזען, נישט די דייטשען, נישט די שפּאַניער, נישט די כינעזער און אַפילו נישט די הינדוסען זענען געווען די ערשטע קאָרטען-שפּילער, נאָר — די יודען, אָדער די אַראַבער, אָדער ביידע צוזאַמען.

אַ סברא, אַז אַפילו ווען עס זאָל אמת זיין אַז די הינדוסען צי די כינעזער זענען געווען די ערשטע קאָרטענשפּילער, האָבען זיי אָבער נישט געהאַט קיין איינפלוס אויף איראָפּע. ווילט איהר דאָך וויסען ווער עס איז פעראַנטוואָרטליך פאַר דער קאָרטען-מגפה אין איראָפּע, מוזט איהר אָנקומען צו יענע איראָפּעער, וואָס זענען געווען אין פּאַלעסטינע דורך אַזאַ, אָדער אַנ'אַנדערען צופאַל, און דאָרטען זיך אויסגעלערנט די מלאכה און חכמה פון קאָרטענשפּיל.

אין עגיפּטען האָט מען די קאָרטען גענוצט כדי צו דערגעהן דאָס מזל פון מענשען. מענשען האָבען זיך אין יענע יאָהרען געלייגט קאָרטען און פון די סימבאָלען געוואוסט וואָס זיי דערוואַרט אין דער צוקונפט.

מען ווייסט אויך, אַז די ערשטע מאָדערנע קאָרטען אין אינדיען האָבען נישט געהאַט קיין קעניגין, ווייל אין יענער צייט איז נאָך די פרוי אין אינדיען געווען אויף אַזאַ נידעריגער מדרגה, אַז מען האָט איהר פּנים אַפילו אויף קאָרטען נישט דערלאַנגט.

מאַקדאָנאַלד האָט פערלוירען דעם זכרון

מאַקדאָנאַלדס שטערן גייט אונטער. עס האַלט שוין דערביי, אַז זיינע פריינד די קאָנסערוואַטאָרען זאָלען איהם אַוועקשיקען אין דער לאָרדען-קאַמער. מען דערלויבט זיך שוין אין דער קאָנסערוואַטיווער פּרעסע צו שרייבען וועגען איהם, ווי וועגען אַנ'עובר בטל.

דער „טיימס" שרייבט, אַז מאַקדאָנאַלד איז זעהר קראַנק, אַז ער קאָן זיך שוין נישט פערנעמען מיט מלוכה-ענינים, קאָן נישט אַרויסטרעטען מיט רעדעס א. אז. וו.

אַ לאָנדאָנער ליבעראַלע צייטונג שרייבט וועגען מאַקדאָנאַלדן, אַז ער האָט בעקומען אַ שוואַכע ראיה און אַז ער האָט, אינגאַנצען פערלוירען דעם זכרון...

די צייטונגען מאַכען דעם אויספיהר, אַז עס האָט זיך געשאַפען אַזאַ סיטואַציע, אַז ער קאָן מעהר זיין אַמט פון פּרעמיער נישט פערנעמען.

Dr. med.
W. Eychner
אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
וואוינט איצט 4 צעגעלניאַנאַ 4
(נעבען קינא „טשאַרי") טעל. 134-72

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

מאָנטאָג
כט
28
מרחשון תרצ"ג

נאוועמבער
זון-אויפגאַנג 7.13
זון-אונטערגאַנג 3.32

אַרבייטער-לויז פון 8 ביז 20 זל. וועכענטליך

שאַרפע רעזאָלוציע אויף אַנ׳אויסערדענטליכע פערזאַמלונג פון פאַבריקס-דעלעגאַטען

(2) נעכטן פאַרמיטאָג איז אין טעקסטיל-פאַראיין וו.ז.פּ. (וואָלטשאַנסקאַ 98) פאָרגעקומען אַנ־אויסעראָרדענטליכע פערזאַמלונג פון פאַבריקס-דעלעגאַטען ביים אָנטייל פון אַלע פעראיינס-מיטגלידער.

אויף דער פערזאַמלונג איז געקומען דער גענעראַל-סעקרעטאַר פון פוילישן פראָפעסיאָנעלן פערבאַנד, ה׳ שיעטשקאַ.

נאָכ׳ן גרינדליכן אַרומרעדן די איצטיגע סיטואַציע אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע, האָט די פערזאַמלונג אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

1) די פערזאַמעלטע טאַדלען אין דער קאַטעגאָרישסטער פאָרם די שטעלונג פון די פאַבריקאַנטען, זייער אומבאַגרעניצטען אויסניצען די אַרבייטער ביי דער צייטווייליגער שוואַכקייט פון די לעצטע.

די לאַגע אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע, נאָכן קינדיגען דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך, האָט געבראַכט צו אַ מוראדיגער עקספּלואַטאַציע פון די אַרבייטער. היינט פאַרדינט דורכשניטליך אַנ׳אַרבייטער בעדרינגענדיג 4 שפּינדלען, פון 8 ביז 20 זלאָטעס וועכענטליך, און אויב דער רעדוקציע-סיסטעם וועט אַזוי ווייטער גילטען וועלען די שכירות פון די אַרבייטער אין דער נאָהענטער צוקונפט דערגיין צו גראָשענס...

2) די פערזאַמעלטע פאָדערן ביי די רעגירונגס פאַקטאָרען אַז זיי זאָלען ווי אַמשנעלסטען צוטרעטן צו אַ געזעצליכער נאָרמאַליזירונג פון דער אַרבייט, בעלוינונג, און פליכט פון קאָלעקטיוו-אָפּמאַכען.

3) די פערזאַמעלטע פאָדערן פון דער רעגירונג, סיים און סענאַט, עס זאָלען איינגעפיהרט ווערען פערזיכערונגען פון אַרבייטער אויף דער עלטער, וואָס וועט דערמעגליכען צו פערקלענערן די אַרבייטסלאָזיגקייט. די פערזאַמעלטע פאָדערן אויף צו פערברייטערן די סאָציאַלע דערציהונג און צו אַכטונג געבען אַז זיי זאָלען נישט געמינערט ווערען.

4) בעת דעם איצטיגען שווערסטען קריזיס פאַר די אַרבייטער, האַלטען מיר פאַר נישט גערעכט די שטעלונג פון דער רעגירונג, וועלכע פיהרט איין די באַאַוועליזירונג פון געזעץ וועגען אַרבייטסלאָזיגקייט, וואָס פערגרעסערט די צאָהל טעג ביז 156 אָפּגעאַרבייטע טעג, בכדי צו בעקומען רעכט אויף קריגען אונטערשטיצונגען.

) כדי צו אונטערשטיצען די דאָזיגע פאָדערונגען פון דערהאַלטען די לוין-נאָרמע פון 1928 פאָדערען די פערזאַמעלטע אויף דעם אַרבייטער־קלאַס צו אַ סאָלידאַרען קאַמף פאַר׳ן שוץ פון די אַרבייטער־רעכט.

די דאָזיגע רעזאָלוציע איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען דורך די פערזאַמעלטע.

אַנ׳אָפּשריפט פון איהר איז בעשלאָסען געוואָרען איבערצושיקען דעם פאַרלאַמענט-קלוב פון ב.פּ.ר. אין וואַרשאַ.

איבער 600 אַנקלאַגעס

אויף אַ טעראָריסטען-באַנדע אָנגעפיהרט פון אַ יוד און צוויי קריסטען

(2) אַ סברא, אַז די דאָזיגע טעראָריסטען־באַנדע, וואָס פלעגט אויס געלד ביי סוחרים, איז געוואָרען אַ מכת מדינה, און פונקט ווי אַ רייה גרויסע שטעט אין פוילען, האָט זי אויך נישט אויסגעמיטען קאַליש.

דאָרט איז איצט פערהאַלטען געוואָרען אַ „דריילינג": איינער בעריל זשעמניאַק און די ברידער יאַן און וולאַדיסלאַוו לאַראַט, וועלכע האָבען „בעאַרבייט" די גאַנצע געגענד פון קאַליש ביז פויזען, וואו זיי האָבען אויף מערק און יאַרידען טעראָריזירט די סוחרים פאָדערנדיג ביי זיי אַ סקוירע געלד, פאַר׳ן מעגען האַנדלען.

אַז עס פלעגט זיך טרעפען אַנ׳עקשן און נישט געוואָלט צאָהלען דעם „באַנדיטען־מס", האָט מען אָרגאַניזירט אַנ׳אָוואַנטורע, אַ סקאַנדאַל, און בעת מעשה פלעגט מען שוין דעם דאָזיגען עקשן אַזוי לערנען דרך ארץ, אַז ער פלעגט בלייבען קוים פאַרכען מיט דער נשמה...

דער יחוס פון דעם „דריילינג" איז פאָלגענדער: בערעלע זשעמניאַק איז אַנ׳אַלטער פערברעכער, וועלכער איז אַ בעקאַנטער „יושב-תפיסות", און די פּאָליציי האָט מיט איהם פון תמיד אָן צו זינגען און צו זאָגען.

בשעתו איז ער מחמת אַ וועקסעל-אַפערע עוֹט לאָפען קיין בעלגיען, וואו ער האָט אָרגאַניזירט אַנ׳איינברעכער־באַנדע, וואָס האָט געאַרבייט אַ צייט לאַנג — ביז, איינמאָל האָט ער, בערעלע, דערשאָסען אַ פּאָליציאַנט און מ׳האָט איהם מיט פּראַד אַרויסגעשיקט פון בעלגיען.

די צוויי בראַטשיקעס לאַראַט זענען אויך אַזעלכע כשרע פערשוינען, און, אַלס צולאָג, זענען זיי יתאָך — אַלפאָנסען.

דערווייל איז אויף זיי איינגעפלאָסען אין דער פּאָליציי, נישט-מעהר און נישט-ווייניגער. ווי 600 אַנקלאַגעס מיט אַ סמיטשיק.

צוגאַב-פאַבאַר קאַמיסיע

(2) היינט, ד. 28 ד. ח. פון 8 פריה הויבט אָן אין לאָקאַל אויף קאָשטשושקי 21 צו אַמטירען אַ פאַבאַר קאָמיסיע פאַר פּ.ק.או. לאָדז — שטאָט 2.

עס דאַרפען זיך מעלדען די פאַבאַר-פליכטיגע פון יאָהרגאַנג 1911 און עטליכע, וועלכע האָבען זיך עתה נישט צוגעשטעלט צו דער מיליטער-איבערזיכט און וואוינען אויף די שטחים פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14 פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטען, און האָבען בעקומען נאָמענטליכען אויפפאָדערונגען פון דער לאָדזער סטאַראָסטווע.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) היינט בייַנאַכט דיזשורירען: ש. יאַנקעלעוויטש (אַלטער מאַרק 9), ל. שטעקעל (לימאַנאָווסקיע גאַ 37), ב. גלוכאָווסקי (נאַרוטאָוויטשאַ 6), ס. האַמבורג (גלובנאַ 50), ל. פּאַוולאָווסקי (פּיעטריקאָווער 307), אַ. פּיאָטראָווסקי (פּאָמאָרסקאַ 91).

די קהלה זאָל איבערנעהמען די מקוה אויף גדאַנסקאַ-גאַס

ווי מיר דערוויסען זיך האָט די פערוואַלטונג פון דער אַגודהשער מקוה אויף גדאַנסקאַ גאַס, בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו דער קהלה, אַז די קהלה זאָל איבערנעהמען די מקוה און זאָל זי ווייטער פיהרען.

די ווענדונג איז געקומען צוליב דעם וואָס די אַגודהשע מקוה אַרבייט איצט מיט גרויסע דעפיציטען.

די וויספּיאַנסקי-וואָך אין לאָדז

(2) פונקט ווי אין גאַנץ פוילען, האָבען זיך אויך אין לאָדז נעכטען אָנגעהויבען די וויספּיאַנסקי־פייערונגען, וואָס זענען פערבונדען מיט דעם 25־טען יאָהרצייט נאָכ׳ן טויט פונ׳ם גרויסען פוילישען דיכטער סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי.

10 אינדערפריה איז אין דער קאַטעדרע פאָרגעקומען אַ פייערליכע גאָטעסדינסט, און באַלד דערנאָך — 12 אַ זייגער — אַ גרויסע אַקאַדעמיע אין׳ם שטאַטישען טעאַטער מיט׳ן אָנטייל פון כאָרען, רעדעס, פאָרשטעלונגען.

די גאַנצע וואָך וועלען פאָרקומען אַקאַדעמיעס און וויספּיאַנסקי־פאָרשטעלונגען אין די היגע טעאַטערס.

אַ נייע פערוואַלטונג

אין דעם פעראיין פון שטאַטישע אַנגעשטעלטע

(2) אויף דער נעכטיגער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון די שטאָטישע אַנגעשטעלטע און פון די אַנגעשטעלטע אין די אינסטיטוציעס פאַר עפענטליכען געברויך, ז.ז.פּ. ערשטע אַפּטייקען, איז געוועהלט געוואָרען אַ נייע פערוואַלטונג.

באַנדיטיזם

(2) נעכטען איז אין טויער אויף דער דאַווער באַרטשיק-גאַס 38 בעפאַלען און מערדערליך צושלאָגען געוואָרען דער 33־יאָהריגער אַרבייטסלאָזער און היימלאָזער אַלפאָנס ליפּקע.

פּאָליציי האָט די שלעגער צוגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל.

אין פעלד, לעם פראַנציסקאַנער 128 האָט מען מיט מעסערס געפעהרליך צושטאָכען די 36־יאָהריגע אַפּאָלאָניאַ סטאַוויגסקאַ (פון מלינאַרסקאַ 19). פאָגאָטאָוויע האָט אין ביידע פאַלען ערטיילט ערשטע הילף.

„לאַנטשניק פאַטשטאָווי"

אָנהייב דעצעמבער ד. י. וועט אַרויסגעגעבען ווערען אַ צייטונג א. ב. „לאַנטשניק פּאָטשטאָווי" וועלכע אַ חוץ די פאָרשריפטען וועגען שפּייז-פּעקלעך אין אַלגעמיינע אינפאָרמאַציעס אין שייכות מיט בעשטעלונגען און אָבצאָהלונגען פון שפּייז-פּעקלעך וועט זי אויך ענטהאַלטען די קוועלען פון אַדרעסע, וואו מ׳קען די פּראָדוקטען בעשטעלען, הויפּטזעכליך אין דער צייט פון די קומענדיגע ווייהנאַכטען, די פּעראַיבערסירטע הורטאָווניקעס, פּראָדוצענטען, קאָאָפּעראַטיוו-געזעלשאַפטען א. אַ. וו. וואָס ווילען אויפגעבען אַנאָנסען אין „לאַנטשניק פּאָטשטאָווי" קענען זיאַס אַדורכפיהרען אין יעדען פּאָסט-אַמט לאָדז 1. צייטונגס-פענסטער נ. 24 ביז׳ן 29־טען ד. ח.

פייערליכע טרויער-אַקאַדעמיע

לכבוד דעם פערשטאָרבענעם פּראָפ. סעווערין שטערלינג

(—) לויט דער איניציאַטיוו פון דער לאָדזער דאָקטוירים-געזעלשאַפט איז נעכטען פאַרמיטאָג פאָרגעקומען אַ פייערליכע אַקאַדעמיע לכבוד דעם פערשטאָרבענעם געלערנטען און וויסענשאַפטס-מאַן ד״ר מעד. סעווערין שטערלינג. צו דער אַקאַדעמיע איז געקומען די פאַמיליע פון פערשטאָרבענעם, פאַרשטעהער פון דער מאַכט און זעלבסטפערוואַלטונג און אַ גרויסע צאָהל דאָקטוירים און פריינד פון פערשטאָרבענעם פּראָפעסאָר.

ס׳זענען געהאַלטען געוואָרען 4 רעפעראַטען: ד״ר סטעפאַן רודזקי האָט גערעדט וועגען דער וויסענשאַפטליכער טעטיגקייט פון ד״ר שטערלינג; ד״ר טשעסלאַוו וואַטשינסקי האָט גערעדט וועגען דער געזעלשאַפטליך-מעדיצינישער טעטיגקייט פון פערשטאָרבענעם; ד״ר טאָמאַשעווסקי האָט גערעדט וועגען ד״ר שטערלינג אַלס בירגער און ד״ר קרישעק, וועגען שטערלינג אַלס לעהרער.

די גאַנצע אַקאַדעמיע איז געפיהרט געוואָרען אין אַ זעהר פייערליכער שטימונג.

זיך אָנגעהויבען פּראָפּאַגאַנדע-וואָך

פונ׳ם פערבאַנד צו שיצען די מערב-גרעניצען

(2) אין שייכות מיט דער פּראָפּאַגאַנדע-וואָך וואָס עס האָט אונטערגענומען צו פיהרען דער פערבאַנד צו שיצען די מערב-גרעניצען, איז נעכטען פאָרגעקומען אויפ׳ן פרייהייטס-פּלאַץ ביים קאָשטשושקאָ-דענקמאָל אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע, אָרגאַניזירט דורך דעם היגען פערבאַנד.

און עס איז אַנידערגעלייגט געוואָרען אַ קראַנץ בלומען און עס זענען געהאַלטען געוואָרען עטליכע רעדעס דורכ׳ן פּרעזעס פון דער לאָדזער אָפּטיילונג פונ׳ם פערבאַנד, ד״ר סאַמבאָרסקי, פּרעזעס פידלער, פּאָד-פּולק. וואָלעווסקי א.אַ.

אין אָוונט זענען פאָרגעקומען געלד-זאַמלונגען אויף די צוועקען פון דעם פערבאַנד, אין עטליכע לאָקאַלען.

אַפשידס-קאָנצערט פון משה קוסעוויצקי אין פילהאַרמאָניע

מיטוואָך, דעם 30־טען ד. ח. קומט פאָר אין זאַל פילהאַרמאָניע דער אונאָברופליך לעצטער קאָנצערט פון ליבלינג פון לאָדזער פּובליקום ה׳ משה קוסעוויצקי פאַר זיין אָבפאָהרען אויף אַ טורנעע נאָך אויסלאַנד. דאָס פּראָגראַם וועט זיין אַ גאַנץ ביינער און אַ פערשידענאַרטיגע. דער דאָזיגער געזעגנונגס-קאָנצערט האָט אַרויסגערופען אַ קאָלאָסאַלע פעראינטערעסירונג.

טוריסטען ביוראָ ביי „תוצרת ארץ-ישראל"

ביי דער געז. „תוצרת ארץ-ישראל" אין לאָדז ווערט אָרגאַניזירט אַ טוריסטען-ביוראָ וואו ס׳וועט ערטיילט ווערען איינפאָרמאַציעס וועגען ארץ-ישראל און ס׳וועט אויך אָרגאַניזירט ווערען אויספלוגען און עקסקורסיעס קיין ארץ-ישראל.

פייערליכקייטען אין קאַליש

(2) נעכטען זענען אין קאַליש פאָרגעקומען גרויסע פייערליכקייטען אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן אַריבערטראָגען די טויטע קערפּער׳ס פון די לעגיאָנערען וואָס זענען געשטאָרבען אין אינטערנירונגס-לאַגער אין שטשיפּיאָרנאָ, אויפ׳ן קאַלישער בית עולם.

אין די פייערליכקייטען האָט אויך אָנטייל גענומען, אַלס פּערטרעטער פון מלוכה-פּרעזידענט, דער פּרעזעס פון לעגיאָניסטען-פערבאַנד, פּולק. וואַלערי סלאַוועק

וויכטיג פאַר אַקאַדעמיקער, וואָס פאָהרען שטודירען קיין אויסלאַנד

די אויסלענדישע אָפּטיילונג ביים צענטראַלען אויספיהר-קאָמיטעט פון די יודישע אַקאַדעמישע פעראיינען אין פוילען מאַכט דערמיט בעקאַנט די חברים אַז גרופּען קיין פראַנקרייך, בעלגיען און דייטשלאַנד פאָהרען אַרויס אין די פאָלגענדע טערמינען: דעם 19־טען דעם 23. 26 און 30־טען ליסטאָפּאַד און דעם 3־טען גרודזיען. רעגיסטרירען זיך צו די דאָזיגע גרופּען דאַרף מען זיך אַמשפּעטסטענס אַ טאָג פאַר דער אָפּרייזע פון דער גרופּע און מען מוז פאָרשטעלען דעם הנחה-פּאַס ווי אויך אַ לעזבאַרען אָפּשריפט פון דער אוניווערזיטעט-אויפנאַהמע (קיין רעיענטאַלע בעשטעטיגונג דאַרף מען נישט).

מיר זענען מודיע די חברים וואָס קומען פון דער פּראָווינץ, אַז זיי מוזען זיך פאַר׳ן געהען אין די קאָנסולאַטען ווענדען זיך פון 8 אַ זייגער פריה צו דער אויסלענדישער אָפּטיילונג און פאָרשטעלען דעם פּאַס מיט דער אויפנאַהמע. אין געגענפאַל וועלען די חברים פערלירען די פּוילישע באַהן-הנחה. דער פּרייז פון אַ בילעט וואַרשאַ—פּאַריז איז 95 זלאָטעס.

אין טאָג פון אַרויספאָהרען פון דער גרופּע איז די אָפּטיילונג טעטיג פון 8 פריה ביז 7 אָוונד אָהן איבעררייס.

די אויסלענדישע אָפּטיילונג איז טעטיג יעדען טאָג אויסער זונטאָג פון 10־2 און 4־7 אין לאָקאַל פון דעם יודישען אַקאַדעמישען היים וואַרשאַ, ביעלאַווסקאַ 21, טעלעפאָן 543־26.

דריי קליינע שריפות

(א) נעכטען זענען אויסגעבראָכען דריי קליינע שריפות, וועלכע פייערלעשער האָבען באַלד איינגעלאָשען:

אויף נאַרוטאָוויטשאַ 9 — ביי ד״ר רוזשאַנער;

אויף פּיעטריקאָווער 9 ביי ראָטענבערג׳ן אין דער וואוינונג, און —

אין דער וואוינונג ביי חיה אַלטמאַן, אויף מיעלטשאַרסקיעגאָ 5.

פון יודישען טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע"

היינט מאָנטאָג 9 אָוונד שפּילט דער פילהאַרמאָניע־אַנסאַמבל די אָפּערעטע רעגינאַ צוקערס גרעסטען שלאַגער „איציקל שייגעץ" מיט רעגינאַ צוקער אַלס „איציקל" און הערמאַן פעניגשטיין „וואָלאָדיאַ". די אָפּערעטע פערמאָגט אין זיך זעהר פיל געזאַנג.

יודיש טעאַטער
„פילהאַרמאָניע"
נאַרוטאָוויטשאַ 20.
אַנפ.: אַ. בעזמאַן און אַ. שטאָספעדער

די בעליבטע סובּ-רעטין
רעגינא צוקער
בעריהמטער אַרטיסט
הערמאַן פעניגשטיין
מיט׳ן גאַנצען אויסגעצייכנטען אַנסאַמבל
היינט, מאָנטאָג, ד. 28-טן, 9 אָוונט
7-טע גרויסע
פּאָפּולערע פאָרשטעלונג
פּרייזן פון 50 גר. ביז 1.70 1-טע רייה
רעגינא צוקער׳ס גרויסער סוקצעס
„איציק׳ל שייגעץ"
אין 2 אַקטן.
ראָל „איציקל" - רעגינא צוקער;
„וואָלאָדיאַ"-הערמאַן פעניגשטיין
הערליכע מוזיק!
פערשידענע טענץ!
גרויסער כאָר און אָרקעסטער!
בילעטען זיין קאַסע פון „פילהאַרמאָניע"

וואס פארא הילף וועט בעקומען
די ארימע יודישע בעפעלקערונג פון דער קהלה
געוועהלט קאמיסיעס, גרויסע השגות און קליינע מעגליכקייטן פאר דער הילפס-אקציע, סך-הכל בעשטימט... 25000 זל. אויף קוילען
נעכטיגע זיצונג פון קהלה-ראט

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון קהלה ראַט. די זיצונג האָט געדויערט זעהר לאַנג, הגם דאָס איז איינגאַנצען נישט נויטיג געווען און מאָמענטענווייז האָט די זיצונג ווידער געמאַכט דעם איינדרוק פון די אַמאָליגע זיצונגען...

אויפ'ן ערשטען פונקט פון דער טאָג־אָרדנונג האָט זיך געפונען די פראַגע פון ערלויבען דער קהלה צו ווערען אַ מיטגליד אין דער סוחרישער קרעדיט־באַנק מיט אַ פּאַי פון 1000 זלאָטעס, דער ראַט גיט די דאָזיגע הסכמה.

וויצע־פּרעזעס אַדוו. ווייצמאַן שטעלט פאָלגענדע אַנפראַגען דער פערוואַלטונג 1) צי איז דער פערוואַלטונג בעקאַנט, אַז אין דער גמילות־חסדים־קאַסע ביי דער קהלה געפינען זיך

וועקסלען מיט זשירעס פון פערוואלטונגס- און ראט-מיטגלידער

און די דאָזיגע וועקסלען ווערען שוין זייט חדשים נישט געצאָהלט און נישט געמאָהנט און 2) וואָס רעכענט די פערוואַלטונג צו טון מיט דעם פּאַכטער פון דער מקוה אויף קאָכאָדניע גאַס, וועלכער צאָהלט שוין זייט 10 יאָהר נישט קיין דירה־געלד און די קהלה צאָהלט נאָך די שטייערן

פּרעזעס מינצבערג ענטפערט, אַז איהם זענען נישט בעקאַנט קיין פאַלען פון זשירירטע וועקסלען דורך ראַט אָדער פערוואַלטונגס־מיטגלידער און זענען נישט אויסגעקויפט, ער וועט זיך מיט דעם ענין פעראינטערעסירען און געבען אַ גענויען ענטפער, וואָס שייך דעם פּאַכטער פון דער מקוה, פערנעהמט זיך די פערוואַלטונג זעהר אינטענסיוו מיט דער דאָזיגער פראַגע

דאַן טרעט דער ראַט צו צו

וועהלען 3 קאמיסיעס:

פינאַנץ און בודזשעט־קאָמיסיע, רעגולאַמין און אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע און אַ כשרות־קאָמיסיע

אַדוו. ווייצמאַן לעגט פאָר, אַז די קאָמפּעטענץ פון די קאָמיסיעס זאָל באַלד בעשטימט ווערען, דהיינו: יעדער ענין וואָס איז פערבונדען מיט געלד־אויסגאַבען זאָל בעטראַכט ווערען דורך דער פינאַנץ־קאָמיסיע און אַלע אַנדערע דורך דער אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע, דער פאָרשלאַג ווערט אָנגענומען.

אין דער בודזשעט־קאָמיסיע ווערען געוועהלט די פרנסים: ליבערמאַן, רעכטמאַן, שטאַל, פרידענזאָן, כּאַרי, לעווענטאַן און י. מ. נאָוואָדיסלאַווסקי.

אין דער רעגולאַמין און אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע די פרנסים: רעכטמאַן, פרידענזאָן, ווייצמאַן, האַלבערשטאַט, ה. ד. זילבערשטיין, לעווענשטיין און ראָזענבערג.

דאַן ווערט געוועהלט אַ כשרות־קאָמיסיע פון 9 פּערזאָן.

אַ גרעסערע דיסקוסיע רופט אַרויס די פראַגע פון בעשטעטיגען די ליסטע פון דער קאָמיסיע, וועלכע דאַרף

אויסמעסטען דעם עטאט.

פרנס האַלבערשטאַט לעגט פאָר, אַז די קהלה־פערוואַלטונג דאַרף זיך ווענדען צו די ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלען צושיקען זייערע פאָרשטעהער אין דער עטאַט־קאָמיסיע, אַזוי אַרום וועט קענען געשאַפען ווערען אַ גערעכטע פונאַנדערטיילונג פון עטאַט און די אָרגאַניזאַציעס וועלען זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר זייערע פאָרשטעהער.

פרנס ה. ד. זילבערשטיין (פּועלי אמוני ישראל) האַלט, אַז אין דער עטאַט־קאָמיסיע געפינען זיך בלויז פאָרשטעהער פון די פערמעגליכע קלאַסען, ער פאָדערט דעריבער 3 ערטער פאַר זיין ריכטונג

אויך דאָזאָר רומקאָווסקי פאָדערט, אַז די עטאַט־קאָמיסיע זאָל געשאַפען ווערען דורך פאָרשטעהער פון די ווירטשאַפטליכע אינסטיטוציעס, ער ווייזט אָן אויף דעם, אַז

גרויסע גבירים צאהלען קליינע סומען

עטאַט און אָרימע ווערט אויסגעמאָסטען איבער זייער יכולת

פּרעזעס מינצבערג האַלט, אַז די קאָמיסיע דאַרף בעשטעטיגט ווערען אין דעם בעשטאַנד ווי ס'לעגט פאָר די פערוואַלטונג, די ליסטע איז אָבער נאָך נישט געשלאָסען און מ'וועט נאָך קענען דאָרט צושיקען פאָרשטעהער.

דער פאָרשלאַג פון פרנס האַלבערשטאַט וועגען שאַפען די עטאַט־קאָמיסיע דורך די פאָרשטעהער פון די ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס ווערט אָפּגעוואָרפען, די ליסטע פון דער עטאַט־קאָמיסיע ווערט אָנגענומען.

דער ראַט טרעט צו צו בעטראַכטען די פראַגע וואָס איז בעריהרט געוואָרען אויף דער פריהערדיגער זיצונג — וועגען אָנהויבען

א הילפס-אקציע פאר דער יודישער בעפעלקערונג.

דער פאָרשטעהער פון דער פערוואַלטונג וויצע־פּרעזעס בערגער רעפערירט דעם ענין, ער זאָגט, אַז די פערוואַלטונג האָט בעשלאָסען פאָרצולעגען דעם ראַט, אַז ער זאָל בעפולמעכטיגען די פערוואַלטונג אויסצושטעלען וועקסלען אויף 25 טויזענד זלאָטעס אויפ'ן חשבון פון די 90 טויזענד זלאָטעס וואָס דאַרף איינקאַסירט ווערען פון צוגאָב־עטאַט באַטירליך, וועט די דאָזיגע סומע מוזען פערטיילט ווערען דורך דער ספּעציעלער קאָמיסיע וואָס איז בשעתו געשאַפען געוואָרען.

פרנס לעווענטאַן האַלט, אַז די פרומע מענשען האָבען אין לאָדז נאָך גאָרנישט געשאַפען, דאַגעגען זענען

זיי שטענדיג דא ווען מ'דארף טיילען געלד.

ער לעגט פאָר, אַז די סומע פון 25 טויזענד זלאָטעס זאָל געהעכערט ווערען ביז 45 טויזענד און די רעשט 20 טויזענד זאָל פערנוצט ווערען אויף קוילען פאַר די יודישע יתומים־הייזער, קינדער־היימען, מושב זקנים, קימפּעטאָרינס־קליניק און געזונדהייטס אינסטיטוציעס.

פרנס ה. ד. זילבערשטיין איז געגען דעם וואָס די פערוואַלטונג שיקט אָפּ און גיט אַנווייזונגען צו די 90 טויזענד זלאָטעס פון צוגאָב־עטאַט, די הילפס־אַקציע דאַרף אויסער דעם אויך געפיהרט ווערען פון נאָרמאַלען בודזשעט.

ער מאָלט

א מורא'דיג בילד פון דער יודישער נויט

און אָרימקייט און לעגט פאָר, אַז אויסער די 90 טויזענד זלאָטעס פון צוגאָב־עטאַט, זאָל נאָך גענומען ווערען נאָך 100 טויזענד זלאָטעס פון נאָרמאַלען בודזשעט, דאָס געלד זאָל בענוצט ווערען אויף בעשפּייזען, אויף בעשיכען, בעהייצונג פאַר דער לאָדזער אָרימקייט, ס'דאַרף אויך געשאַפען ווערען אַ כשרע קיך פאַר יודישע זעלנער.

פרנס כּאַרי האַלט אַ זעהר שאַרפע רעדע געגען דער טעטיגקייט פון דער פערוואַלטונג, ער זאָגט, אַז דער נאָרמאַלער בודזשעט איז נישט רעאַליזירט, אין בודזשעט געפינט זיך 20 טויזענד זלאָטעס אויף אַ קוילען־אַקציע, ס'איז נאָך נישט רעאַליזירט געוואָרען דער בודזשעט פון דער סאָציאַלער הילפס־קאָמיסיע, דאָס געלד דאַרף זיך גלייך געפינען, די סובסידיעס פאַר די אינסטיטוציעס דאַרפען אויסגעצאָהלט ווערען, ס'מוז תיכף געשאַפען ווערען אַ קיך פאַר דער יודישער אינטעליגענץ.

דאָזאָר רומקאָווסקי ווייזט אָן אויף דעם מורא'דיגען צושטאַנד פון די יודישע אינסטיטוציעס אין לאָדז, ער שטיצט שטאַרק אונטער דעם פאָרשלאַג פון פרנס לעווענטאַן, ער האַלט אַז אָהן הילף וועלען זיך די אינסטיטוציעס פערמאַכען, אויב די קהלה וועט נישט קומען צו הילף די יתומים־הייזער, וועלען די לאָקאַלען פון דער קהלה פערוואַנדעלט ווערען אין יתומים־הייזער, ווייל מ'וועט דאָ אַהערברענגען די יתומים.

ס'רעדען נאָך די פרנסים פרידענזאָן און ראָזענבערג

פרנס אַדוו. ווייצמאַן האַלט, אַז קודם־כל דאַרף רעאַליזירט ווערען

דער בודזשעט אויף דער קוילען-אקציע און פון דער סאציאלער הילף

פאַר'ן יאָהר 1932 און דאָס דערפאַר כדי נישט צו געבען די מעגליכקייט צו פערשמעלערן די הילף אויפ'ן קומענדיגען יאָהר, מ'דאַרף אַדורכפיהרען אַ קוילען־אַקציע דורך די אינסטיטוציעס. די סובסידיעס מוזען אויסגעצאָהלט ווערען

פרנס ה. ד. זילבערשטיין האַלט, אַז די קהלה דאַרף שטאַרק בעלאַסטען די ווירטסלייט, וועלכע פיהרען אויס עקסמיסיעס און די קהלה מוז העלפען די עקסמיסירטע, ווייטער לעגט ער פאָר, אַז ביי דער קהלה זאָל געשאַפען ווערען אַ קאָמיסיע פאַר רעכט אויף אַרבייט פאַר יודישע אַרבייטער.

פּרעזעס מינצבערג קלערט אויף די געלד־שוועריגקייטען, וועלכע ס'לעבט איצט אַדורך די קהלה מ'קען איצט נישט דריקען די צאָהלער, אויב מען פערלאַנגט פון דער קהלה צו רעאַליזירען דעם בודזשעט, וועט די קהלה מוזען דריקען דעם שטייער־צאָהלער. דער פּרעזעס איז מסכים, אַז די 20 טויזענד זלאָטעס פון נאָרמאַלען בודזשעט אויף אַ קוילען־אַקציע זאָלען גלייך רעאַליזירט ווערען

ס'ווערט בעשלאָסען צו בעפולמעכטיגען די פערוואַלטונג אויסצושטעלען וועקסלען אויף 25 טויזענד זלאָטעס פון די בודזשעטען אויפ'ן יאָהר 1932.

ס'ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאַג פון ראַטמאַן כּאַרי זיך צו ווענדען צום קאָמיטעט וואָס דיספּאָנירט מיט דעם צוגאָב־עטאַט, אַז ער זאָל עפענען קיכען פאַר דער אָרימער יודישער בעפעלקערונג. אָבער עווענטועל שטיצען די שוין עקזיסטירטע קיכען ביי נותן־לחם. ווייטער ווערט די פערוואַלטונג אויפגעפאָדערט צו רעאַליזירען דעם בודזשעט פון 1932 אַלע איבריגע פאָרשלאַגען זענען אָפּגעוואָרפען געוואָרען, אַ חוץ דעם פאָרשלאַג צו שאַפען אַן אַרבייטס־אַמט ביים קהלה־ראַט.

קהלה-בודזשעט אויפ'ן יאהר 1933
אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער קהלה-פערוואלטונג האט זיך אנגעהויבען די דעבאטע

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער קהלה־פערוואַלטונג האָבען זיך אָנגעהויבען די דעבאַטען איבער'ן בודזשעט פון יאָהר 1933. די דעבאַטע איז נאָך נעכטען נישט פערענדיגט געוואָרען און ס'וועלען פאָרקומען נאָך עטליכע בודזשעט־זיצונגען פון דער פערוואַלטונג.

די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַדורכלייענען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פריהערדיגער זיצונג, וועלכער ווערט אָנגענומען

דאָזאָר רומקאָווסקי פרעגט דאַן, צי ס'איז אמת, אַז דער פּרעזעס האָט געקינדיגט אַ וואַשנע אין דער קהלה און צוליב דעם האָט אַפילו

געדראהט א שטרייק פון אלע קהלה-בעאמטע

דאָזאָר רומקאָווסקי פרעגט צוליב וואָס דאָס איז פאָרגעקומען

פּרעזעס מינצבערג האָט געענטפערט, אַז די וואַשנע איז נאָר בעזייטיגט געוואָרען נאָר אויף איין טאָג צוליב'ן נישט פּינקטליכען ערפילען פון זייערע פליכטען און קיין שום שטרייק האָט נישט געדראָהט

דאָזאָר פליוואַצקי פרעגט דאַן וויפיל אמת ס'איז פערהאַן אין די ידיעות, אַז

די קהלה-פערוואלטונג פיהרט אונטערהאנדלונגען מיט א רב

וועגען בעזעצען דעם לאָדזער כּסא הרבנות און זאָגט צו אַ קאָלאָסאַלע סומע געהאַלט

פּרעזעס מינצבערג ענטפערט, אַז די אַלע ידיעות זענען גרונדלאָז און פאַלש, אמת אַז די פראַגע וועגען אַ רב פאַר לאָדז איז אַקטועל, אָבער קיין שום אונטערהאַנדלונגען וועגען געהאַלט ווערען דורך קיינעם נישט געפיהרט

ס'ווערט דאַן אַדורכגעלייענט אַ קאָמוניקאַט פון מאַגיסטראַט, אַז די קהלה זאָל ביז'ן 1־טען יולי 1933 אַדורכפיהרען אַ גרינדליכען אויסערליכען רעמאָנט פון דער מקוה אויף קאָכאָדניע גאַס, דער ענין ווערט איבערגעגעבען דער ווירטשאַפטס־קאָמיסיע

די אָפּטיילונג פון דער

שטאט-רעגולאציע ביים מאגיסטראט

האָט אָנגעפרעגט די קהלה־פערוואַלטונג, צי זי זעהט נישט פאָר, אַז אין דער צוקונפט וועט מען דאַרפען בויען נייע שוהלען פאַר דער יודישער בעפעלקערונג און אויף וועלכע ערטער, זיי וועלען עווענטועל דאַרפען געבויט ווערען, די פערוואַלטונג בעשליסט צו ענטפערען, אַז יודען האָבען צו ווייניג שוהלען, אָבער וואו מ'וועט זיי דאַרפען בויען איז איצט שווער צו ענטפערען

דאַן פערנעהמט זיך די פערוואַלטונג מיט דער לאַגע פון פערדינסטפולען לאָדזער יודישען קונסט־מאַלער טרעמבאַטש, וועמען ס'דראָהט אַן עקסמיסיע פון זיין וואוינונג, די קהלה האָט בעשלאָסען איהם צו קומען צו הילף.

דאַן ווערט אָפּגעגעבען אַ בעריכט פון דער סאָציאַלער הילפס־קאָמיסיע מכוח דעם פאָרשלאַג פון קהלה־ראַט וועגען אָרגאַניזירען

א דרינגענדע הילפס-אקציע פאר דער ארימער יודישער בעפעלקערונג

די קאָמיסיע לעגט פאָר, אַז די קהלה זאָל דערווייל אויסשטעלען וועקסלען אויף 20 ביז 25 טויזענד זלאָטעס אויפ'ן חשבון פון צוגאָב־עטאַט וואָס ווערט איצט איינקאַסירט און וועט בעטראָגען 90 טויזענד זלאָטעס, פאַר דער דאָזיגער סומע זאָל אַדורכגעפיהרט ווערען אַ קוילען־אַקציע פאַר דער יודישער בעפעלקערונג

דאָזאָר רומקאָווסקי לעגט פאָר, אַז די סומע זאָל געהעכערט ווערען ביז

45 טויזענד זלאטעס

און פאַר 20 טויזענד זלאָטעס זאָל מען פערזעהען מיט קוילען די יודישע יתומים־הייזער, מושב זקנים און געזונדהייטס־אינסטיטוציעס, דערפאַר זאָלען זיך די דאָזיגע אינסטיטוציעס פערפליכטען צו פערברייטערן זייער טעטיגקייט פאַר דער יודישער בעפעלקערונג

דאָזאָר רוס זאָגט, אַז די הילף פאַר דער יודישער בעפעלקערונג דאַרף זיין אַ קאָנסטרוקטיווע און צוליב דעם לעגט ער פאָר, אַז די 25 טויזענד זלאָטעס זאָלען איבערגעגעבען ווערען דער גמילות־חסדים־קאַסע ביי דער קהלה, וואו אַ געוויסע קאָמיסיע זאָל זיך פערנעהמען מיט פערטיילען די דאָזיגע סומע.

די פאָרשלאַגען פון די דאָזאָרעס רומקאָווסקי און רוס ווערען אָפּגעוואָרפען און ס'ווערט בעשלאָסען פאָרצולעגען דעם ראַט, אַז ער זאָל בעפולמעכטיגען די פערוואַלטונג אויסצושטעלען וועקסלען אויף 25 טויזענד זלאָטעס, וועלכע זאָלען איבערגעגעבען ווערען דער ספּעציעלער קאָמיסיע, וועלכע איז בשעתו געשאַפען געוואָרען, די דאָזיגע קאָמיסיע זאָל צוזאַמען מיט דער קהלה־פערוואַלטונג פערטיילען די סומע צווישען דער אָרימער בעפעלקערונג.

דאַן טרעט מען צו

צום בודזשעט אויפ'ן יאהר 1933

דאָס פונאַנדערשיקען דעם בודזשעט ווערט בעטראַכט אַלס די ערשטע לעזונג, מ'טרעט דעריבער צו צו דער צווייטער לעזונג.

דאָזאָר רומקאָווסקי האַלט, אַז סיי ווי סיי וועט די אָפּאָזיציע נישט קענען מאַכען קיין שום ענדערונגען, ס'זענען איבריג די רייד, דעריבער לעגט ער פאָר, אַז ס'זאָל געמאַכט ווערען אַ הפסקה פון 15 מינוט, כדי יעדער זאָל קענען אַריינטראָגען שריפטליכע אויסבעסערונגען צום בודזשעט דער פאָרשלאַג ווערט אָפּגעוואָרפען

פּרעזעס מינצבערג האַלט דאַן

א לענגערע עקספאזע

וועגען דעם נייעם בודזשעט, וועלכער בעטרעפט 1.028470 זלאָטעס, דאָס הייסט מיט 100 טויזענד זלאָטעס ווייניגער ווי פאַראַיאָהרען. דער פּרעזעס רעדט וועגען דעם ווי די קהלה אַרבייט האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסען, די אַרבייט איז אַריינגעדרונגען אין אַלע געביטען פון יודישען לעבען, צוליב די שווערע צייטען איז אָבער נישט מעגליך צופרידענצושטעלען אַלע צדדים, די אַרבייט קען נישט פערברייטערט ווערען, נאָר מען מוז טראַכטען ווי אַזוי זי אויפצוהאַלטען

אַנאַליזירענדיג דעם בודזשעט שטעלט דער פּרעזעס פעסט, אַז ער איז צו קליין אין דער פערהעלטניש צו אַזאַ שטאָט ווי לאָדז, דער גאַנצער עטאַט בעטרעפט 650 טויזענד זלאָטעס, אויף אַ קאָפּ פון אַ יוד מאַכט דאָס אויס 3 זלאָטעס, בעת אין וואַרשאַ פאַלט אויס אויף אַ קאָפּ 13 ביז 14 זלאָטעס דער בודזשעט ענטהאַלט אויך נישט קיין סובסידיעס פאַר די אינסטיטוציעס ווייל זיי קומט נאָך אַ חוב פון 3 יאָהר. אויף איין געביט איז געלונגען צו פערגרעסערען די הכנסות און דאָס איז אויפ'ן בית־עלמין, דער פּרעזעס האַלט, אַז דער בודזשעט איז רעאַל און בעט די פערוואַלטונג איהם אָנצונעהמען.

דאָזאָר רומקאָווסקי לעגט פאָר די דעבאַטע זאָל אָפּגעלעגט ווערען, דער פאָרשלאַג איז אַדורכגעפאַלען

דאָזאָר רוס ערקלערט, אַז דער בודזשעט איז ביי 180 טויזענד יודען אין לאָדז אַ מינימאַלער דער

עטאט בעטרעפט 78 פראצענט פון גאנצען בודזשעט

קיין הכנסות פון אַנדערע קוועלען זענען נישט פערהאַן. דער בודזשעט זעהט נישט פאָר קיין הוצאות אַפילו אויף די פּרימיטיווסטע בעדערפענישען פאַר דער יודישער בעפעלקערונג, ס'זענען אויך נישט פערהאַן קיין סובסידיעס.

די שטעלונג פון זיין פראַקציע צום בודזשעט וועט זיין אָפּהענגיג פון דעם ווי אַזוי די מעהרהייט וועט בעהאַנדלען זיינע פאָרשלאַגען.

מיט דעם ווערט די זיצונג געשלאָסען, די צווייטע בודזשעט־זיצונג קומט פאָר היינט.

טעאַטער
„סקאלא"
שרודמיעסקא 15
לעצטע 3 טעג
פון די
יודישע באנדע
היינט, מאנטאג, 9 אוונט
פאפולערע פארשטעלונג
פון 60 גר. ביז 2 זל.
די וועלט שאקעלט זיך!...
איבערמארגן, מיטוואך — גרויסע
גזעגענונגס-פארשטעלונג
ס'וועט זיין — אזעלכעס, וואס
איז נאך נישט געווען!!
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע.

דעם אמת'ן קאמף מיט'ן קריזיס

קאן מען פיהרען נאר אויפ'ן אינטערנאציאנאלען באדן

רעפעראט פון פראפ. פערדינאנד צווייג אין דער לאדזער האנדעלס-קאמער

אין ווייטערדיגען גאנג פון דער דיסקוסיע אין די האנדעלס-קאמערען וועגען שאפען א ווירט-שאפטליכען פראגראם, האט די לאדזער האנדעלס-קאמער איינגעלאדען דעם דאצענט פון קראקעווער אוניווערזיטעט פראפ. פערדינאנד צווייג, וועלכער האט נעכטען געהאלטען א פארלעזונג פאר איינ-געלאדענע געסט, אויף דאס טעמא:

פערשידענע פראגראמען פון קאמף מיט'ן קריזיס

קודם-כל, זאגט דער פרעלעגענט, מוז מען זיך אפגעבען א חשבון דערפון, צי איז דער איצטי-גער קריזיס א נארמאלער, אזעלכער וואס פלעגען שטענדיג פארקומען, אדער אנ'אנדערער, א וועלט-קריזיס.

אמאל זענען די קריזיסען געווען טיילווייזע, היינט זענען זיי אלגעמיינע. דער היינטיגער קרי-זיס נעמט ארום אלע מלוכות אהן אונטערשיד פון זייער פארם און סטרוקטור און פון פאליטיש-ווירטשאפטליכען רעזשים. דער היינטיגער קריזיס נעהמט ארום אלע צווייגען פון ווירטשאפטליכען לעבען. דאס איז א קריזיס פון קאפיטאליזם. ס'איז א קריזיס פון דער וועלט-ווירטשאפט, וועלכע ווערט ליקווידירט.

די וועלט-ווירטשאפט

האט זיך געפלעגט צו שטיצען אויף אנ'אינטער-נאציאנאלען האנדעל, אויף דער גאלד-וואלוטע און אויפ'ן אינטערנאציאנאלען קרעדיט. דאס אלץ ווערט איצט ליקווידירט. דער וועלט-האנדעל איז געפאלען מיט 40 פראצ., פון אינטערנאציאנאלען קרעדיט זענען געבליבען נאר פיצלעך, די גאלד-וואלוטע איז נאך פעסט קיים אין 6 לענדער. 22 לענדער זענען שוין אפגעטרעטען פון דער גאלד-וואלוטע.

און טאקע דערפאר, ווייל דער איצטיגער קריזיס איז אנ'אינטערנאציאנאלער, ליידען אמייס-טען די מלוכות, וועלכע זענען מעהר איינגעפלאכ-טען אין דער וועלט-ווירטשאפט. ס'פאלען מעהר די ווערט-פאפירען, וועלכע האבען אנ'אינטערנא-ציאנאלען כאראקטער, ווי די פאפירען אויף די אינערליכע בערזעס א. א. וו.

דעם אמת'ן קאמף מיט'ן קריזיס

קען מען דעריבער פיהרען נאר אויפ'ן אינטערנא-ציאנאלען באדען, נאר אין וועלט-מאסשטאב ס'דארפען צוריקגעשטעלט ווערען די אינטערנא-ציאנאלע בעציהונגען צווישען די מלוכות, דאס צוזאמענלעבען צווישען די מלוכות איז קראנק גע-ווארען און דאס דארף מען געזונד מאכען. אנדערע מיטלען אין קאמף מיט'ן קריזיס, די אזוי-גערופענע אינערליך-מלוכה'שע, פיהרען נישט צום ציל.

אלע ווירטשאפטליכע פראגראמען, וואס ווער-ען איצט ארויסגערוקט קען מען צוטיילען אויף צוויי גרופען: 1) אזעלכע וואס צילען צוצופאסען זיך צום וועלט-קריזיס און 2) אזעלכע וואס צילען צו שאפען א קינסטליכע קאניונקטור אין דער מלוכה און וואס מעהר זיך אפצורייסען פון וועלט-קריזיס.

מיר וועלען פרובען זאגט דער רעדנער, צו זעהן וואס פאר שאנסען האבען די אלע פראג-ראמען אויף רעאליזירט צו ווערען. דאס זענען פרעהען וועלכע

פראגראמען און פראיעקטען זעהר פיל

מעהר און וועהניגער עמפטפולער, מעהר אדער וועהניגער רעאלע און לאגישע. איך וועל גלייך זאגען, וועלכע פראגראמען איך האלט פאר נישט ווערזענטליכע

1) דעם פראגראם פון די פראנצויזישע עקא-נאמיסטען וועגען ארגאניזירען גרויסע עפענטליכע ארבייטען ווי אויך ארויסלאזען אינטערנאציאנאלע הלוואות.

2) דאס ארויסגעבען אינטערנאציאנאלע באנס אויף קרעדיטען פאר דער אינדוסטריע און האנ-דעל און אזוי ארום ברענגען צו אנ'אויפלעבונג.

3) דאס פערקירצען די ארבייטס-וואך ביז 5 טעג.

4) דאס הויבען די פרייזען דורך אנ'אינ-פלאציע פון געלד.

דאגעגען האלט איך פאר וועזענטליכע די פראגראמען וואס צילען: צו פאציפיצירען די פא-ליטישע בעציהונגען און שאפען אנ'אטמאספערע פון צוטרוי. דאס לייכטער מאכען דעם אינטערנאציא-נאלען האנדעל, שטרייכען די מלחמה חובות, מעג-ליך מאכען דעם אינטערנאציאנאלען פערקעהר פון קאפיטאל און פון מענשען - מאטעריאל. דאס צוזא-מענארבייטען מיט די עמיסיע-בענק.

דער קאפיטאליזם קען עקזיסטירען נאר דע-מאלט ווען די מלוכות וועלען האבען בשותפותדיגע אינטערעסען, לײדער קען מען נישט פאראויסזעהען אז די פאציפיקאציע פון די בעציהונגען זאל קו-מען אזוי שנעל.

די אינטערעסען פון די מלוכות זענען זעהר סתירות'דיג

די מלוכות אליין זענען נישט פעהיג צו ברענ-גען זיי צו א הסכם. יעדע מלוכה, נישט אויסשלי-סענדיג דאס שטארקע ענגלאנד, פערשטארקען נאר דעם קריזיס דורך די צאל-פעראררדנונגען, קרעדיט-בעציהונגען און וואלוטע-פאליטיק. אין די בעדינ-גונגען דארף מען זיין א שטארקער אפטימיסט, אז מ'זאל גלויבען, אז די דאזיגע בעציהונגען וועלען זיך ענדערען. דער וועלט-קריזיס קען זיך ענדיגען דורך זיין אייגענעם שווער-פונקט, דורך זיין לע-בען אליין. דורך די רעאקציע פון א טייל מלוכות אויף די פעראררדנונגען פון אנדערע מלוכות.

איצט, זאגט דער פרעלעגענט, וועלען מיר זיך אפשטעלען אויף די פראגראמען צו בעקעמפען דעם קריזיס אין די מלוכות. ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען זענען פערהאן צווייערליי פראגראמען, א פראגראם פון צופאסען זיך צו דעם וועלט-קריזיס און א פראגראם פון אפרייסען זיך פון וועלט קרי-זיס. דער ערשטער פראגראם איז א פערשטענדלי-כער א רעאלער, דער צווייטער איז מעהר אוואנטו-ריסטיש און וועהניגער רעאל.

דער פראגראם פון

צופאסען זיך צו דעם וועלט-קריזיס

האט פאר א ציל אפצוהיטען די ווירטשאפט פון א קאטאסטראפע. די מיטלען זענען: רעדוקציע פון לעבענס-ניווא פון דער מלוכה און די בירגער, אזוי ארום פאסט מען זיך צו, אז מען זאל מעהר-וועה-ניגער קענען ווייטער עקספארטירען, מעהר-וועניגער קענען צאהלען די חובות. דאס איז א פאליטיק — וועלכע ווערט איבריגענס געפיהרט דורך פוילען — פון איבערהאלטען דעם קריזיס. מען זעהט אויס פון דער הנחה, אז אלע מלוכות שטעהען פאר'ן תהום, דעריבער מוז מען זיך צו צופאסען, כדי צו קענען דורכצו עקזיסטירען. וויטערדיגע מיט-לען זענען: רעדוקציע פון בודזשעט, רעדוקציע פון לוין, פערקלענערן די מאנאפאל און קארטעלס-פרייזען, מיט איין ווארט, זיך צופאסען צו דעם נייעם ווערט פון געלד. דאס הייסט פונאנדערלעגען דעם קריזיס אויף אלע שיכטען פון דער געזעל-שאפט גלייכמעסיג, דאס איז א מעסאד א קנאפ-עפעקטפולער, וואס ס'טוט וועה, אבער וואס צילט צום איבערהאלטען.

דער צווייטער פראגראם איז

אפרייסען זיך פון וועלט-קריזיס.

דאס הייסט שאפען זיך א קינסטליכע אינערליכע קאניונקטור, שאפען קינסטליכע הויכע פרייזען און לוינען, דורך גרויסע עפענטליכע ארבייטען, עפענט-ליכע בעשטעלונגען, אינטערווענץ-איינקויפען, אזא קינסטליכע קאניונקטור מוז פינאנסירט ווערען דורך אינערליכע קרעדיטען, דורך אנ'עמיסיע-קרעדיט אזוי ווי אין אמעריקא, דורך דעוואלואציע אהן אינפלאציע. דעוואלואציע אהן אינפלאציע הייסט אפטרעטען פון גאלד-פאריטעט, דורך אפרייסען זיך פון פאריטעט קען מען שאפען קינסטליכע בעדינ-גונגען פאר הויבען די פרייזען. פרייזען, וועלכע וועלען רעגולירט ווערען נישט דורך וועלט-פריני-ציפען, נאר דורך די פרייזען פון געלד. אויב ביי שאפען אזא קאניונקטור וועט די פסיכאלאגיע פון דער בעפעלקערונג זיין אזוי צו זאגען

אנ'אינפלאציע-פסיכאלאגיע,

וועט דאס זיין אלס בעסער פאר דער קאניונקטור, אויב נישט—ווי דאס איז געווען אין ענגלאנד ביי דער לעצטער דעוואלואציע – האט דער ווילען פון אפרייסען זיך פון וועלט-קריזיס נישט געברענגט קיין רעזולטאט, נאך ערגער איז ווען די דעוואַ-לואציע קומט בעת דעם פאלען פון די פרייזען, דעמאלס איז די פסיכאלאגיע פון דער געזעלשאפט נישט פאר אנ'אינפלאציע.

ס'איז פערהאן נאך אנ'אופן פון שאפען א קינסטליכע קאניונקטור—אג'אפענע אינפלאציע פון געלד, כדי צו דעקען דעם דעפיציט אין בודזשעט פון דער מלוכה און פון די בירגער. דאס גיט אנ'עפעקט א צייטווייליגען און פעראיבערגעהענ-דען, דאס פערניכטעט דעם ווערט פון געלד און ברענגט צו דעקאפיטאליזאציע, דערצו פערשטארקט זיך נאך דער קריזיס נאך אנ'אינפלאציע. דאס איז צו קאסטבאר.

אלע דעוואלואציעס אהן אינפלאציעס זענען נישט געווען ערפאלגרייך, ווייל זיי זענען געמאכט געווארען נישט-פראגראם-מעסיג נאר דורך א צוואנג.

מאכענדיג א סך-הכל פון דעם אלעם, וואס איז געזאגט געווארען, פיהרט דער פראפעסאר אויס, אז די פראגראמען, פון אפרייסען זיך פון וועלט-קריזיס האבען נישט געברענגט די געווינשטע רע-זולטאטען.

דעוואלואציע און אינפלאציע איז נאך איצט צו קאסטבאר

ווער ווייס אבער צי אין דער צייט ווען דער קרי-זיס וועט זיך פערציהען, וועט מען נישט מוזען אנקומען צו דעם דאזיגען מיטעל צו ראטעווען זיך פון א פולשטענדיגער קאטאסטראפע.

גאלד-וואלוטע איז נישט מעהר דאס, וואס איז געווען, אמאל אין גאלד געווען אנ'אינסטרו-מענט פון אינטערנאציאנאלען קרעדיט, אנ'אינסטרו-מענט פון אינטערנאציאנאלען האנדעל. היינט האט דאס אלץ אויפגעהערט. דער קאפיטאליזם האט נאך גרויסע רעזערוען אין פראגראם פון דעוואלואציע און אינפלאציע, און ווער ווייס צי מיר וועלען נישט מוזען אנקומען דערצו, זאלען מיר האפען, אז נישט.

פאר פוילען.

וועלכע האט נישט קיין גרויסע געלד-רעזערוען קומט איצט אינגאנצען נישט אין בעטראכט דעווא-לואציע אדער אינפלאציע. פוילען מוז פיהרען א פאליטיק פון צופאסען זיך צום וועלט-קריזיס און נישט פון אפרייסען זיך, מיר מוזען ברענגען גרוי-סע קרבנות. ווייל אנדערש קען דאס נישט זיין.

אויסער די אויסגערעכענטע ווירטשאפטליכע פראגראמען, איז פערהאן נאך א פראגראם, אזוי-גערופענער

דיסקאנטע-פראגראם.

א טייל עקאנאמיסטען האלטען, אז דער קריזיס איז שוין דערגאנגען צום קולמינאציע-פונקט און אויפ'ן האריזאנט זעהט מען שוין די פערבעסערונג. ס'איז אבער מעגליך, האלטען די דאזיגע עקאנא-מיקער, אז צוליב דער דענערווירונג, אפאטיע, ארבייטסלאזיגקייט און אזוי ווייטער וועט די בע-פעלקערונג זיך נישט קענען דערווארטען אויף דער פערבעסערונג. דעריבער דארף מען שוין איצט דיסקאנטירען די קומענדע פערבעסערונג אין דער פארם פון הנחות, באניפיקאציעס, פערגינסטיגונגען, דורך ארויסלאזען היפאטעק-באנעס, וועלכע וועלען בעצאהלט ווערען דעמאלט ווען ס'וועט בעסער ווערען, אזא פראגראם וואלט געווען אנגעהמבאר, ווען מ'זאל האבען די פולשטענדיגע זיכערקייט, אז די פערבעסערונג קומט זיכער, אויב אזא זיכער-קייט איז נישט פערהאן, קען אזא דיסקאנטע-פראגראם, ווען דער קריזיס זאל זיך פערציהען ברענגען צו א פולשטענדיגער קאטאסטראפע.

—=):ס:(=—

לעצטע 3 מאל „יודישע באנדע"

„די יודישע באנדע" פערענדיגט שוין איה-רע פארשטעלונגען און פאהרען אפ פון לאדז.
היינט ווערט געגעבען צו פאפולערע פרייזען
„די וועלט שאקעלט זיך !"

היינט און פאלג. טעג !
די פרייליכסטע וואך פון אלע לאדזער !
2 שעה געלעכטער ביז טרעהרן!
שאמפאנער רעוויע פון הומאר!
אונגעוועהנליכער פלאנטער פון ארצי-קאמישע סיטואציעס, און זארגלאזען הומאר, רופט ארויס דער געניאלער קא-מיקער— דער קעניג פון הומאר

HARROLD LLOYD

אין פאראמאנט'ס מייסטערווערק א. נ.

קינא-מאניאק

דאס איז די בעסטע מעדיצין, דאס איז א ווירקזאם מיטעל צום קריזיס, דאגות און זארגען.

אנהויב אין געוועהנל. טעג 4.30 נאכמ., שבת און זונטאג 12.30 בייטאג.
הנחה-בילעטן גילטיג אהן בעגרענצונגען.
דער זאל איז בעהייצט.

ר. איזראעל

משפחות אין פלאמען

סענסאציאנעלער ראמאן — פון יודישען פאמיליען-לעבען

(30

א מידער און צובראכענער, א קראנקער און פערצווייפעלטער איז דוד אוועק פון משוגעים - אנ-שטאלט, האט געוואנדערט איבער די שטאטישע גאס-סען, איהם איז געווען אזוי שווער אויפ'ן הארצען. איהם האט אזוי געדריקט אויף דער נשמה און גע-מיט, אז ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל אנ-הויבען צו טון.

— וואס איז געווארען מיט מרימען, האט ער געטראכט, — פארוואס האט זי זיך געווארפען אין טייך? מיט וועמען זאל ער וועגען דעם רעדען און ווי אזוי זאל ער זיך דערוויסען צי די רביצין האט אמת געזאגט, אז מרים געפינט זיך שוין אין איהר שטוב.

אמשמארקסטען האט ער געליטען דערפון, ווען ער האט זיך דערמאהנט וועגען דעם בחור וואס האט פערפאלגט אין דעם קריטישען מאמענט מרימען און וועלכער איז נאכגעשפרונגען נאך איהר אין וואסער אריין.

— זאל דאס באמת זיין איהר חתן? אויב יא מוז איך זיך דערוויסען ווער דאס איז און איך בין גרייט איהם צו דערהרגענען!...

דיד'ל האט זיך גלייך צוריקגעכאפט:

— פאר וואס זאל איך איהם דערהרגענען? וואס האט ער מיר געטון? פארוואס זאל מרים נישט האבען דאס רעכט צו טראכטען וועגען אנ'אנדערען, פונקט אזוי, ווי איך נעהם זיך דאס רעכט צו טראכ-טען וועגען איהר?

דיד'ל האט דאס אלץ פערשטאנען און דאך האט איהם עפעס געקלאפט דאס הארץ, ווען ער האט זיך דערמאנט אין יענעם אונבעקאנטען יונגערמאן, דאס איז געווען א געפיהל פון אייפערזוכט, א גע-פיהל פון וועלכען ער אליין האט זיך נישט אפגע-געבען קיין חשבון, ווען ער איז געגאנגען און גע-טראכט, האט איהם אימיצער אנגעריהרט פאר דער האנד. דיד'ל האט זיך שנעל אומגעדרעהט און פאר איהם איז געשטאנען אנ'איידעלאיש געקליי-דעטער יונגערמאן, אנגעטון לויט דער לעצטער מא-דע, פיין ראזירט און פערקעמט.

דער יונגערמאן האט זיך זעהר העפליך בעג-גריסט מיט דוד'ן.

— ענטשולדיגט — האט דער יונגערמאן גע-זאגט, וואס איך פערהאלט אייך, איהר קענט מיר נישט און איך קען אייך נישט, אבער מ'האט מיר אויף אייך אנגעוויזען, איך זוך אייך שוין א שעה צייט און ערשט איצט האב איך אייך דא צופעליג בעגעגענט.

— באמת, איך קען אייך נישט, האט דוד'ל נישט דרייסט געענטפערט, וועגען וואס איר ענטליך, זוכט איהר מיך און וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

— דאס איז זעהר אנ'ערנסטער און וויכטיגער ענין. אנ'ענין וואס טאר נישט אפגעשלעגט ווערען.

— דהיינו? וואס פאר א ערנסטע ענינים קען איך האבען, איך פערגעס זיך נישט מיט קיין שום געשעפטען באר זיך און לעבן, אזוי אז קיין שום וויכטיגע געשעפטען קען מיך נישט אינטערעסירען.

— און דאך, האט דער יונגערמאן לעבעדיג געזאגט, וועט אייך דער ענין געוויס שטארק פער-אינטערעסירען, און כדי אייער נייגיריגקייט זאל נישט וואקסען וועל איך גלייך אנהויבען פון דעם וויכטיגסטען. איהר קענט דאך געוויס דאס פריילין מרים ווייספעלד?

די דאזיגע פראגע האט דודלען שטארק איבער-ראשט, אמוויניגסטענס האט ער זיך געריכט צו הערען דעם דאזיגען נאמען אין איצטיגען מאמענט. דוד'ל איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט אזוי ווי ער וואלט זיך נישט געקענט אפגעבען קיין חשבון דערפון וואס פאר א צוזאמענהאנג עס האט דער דאזיגער יונגערמאן, ער אליין און מרים. דער יונגערמאן האט בעמערקט דוד'לס ערשטוי-נונג און איז גלייך צוגעטרעטען אביסעל צו מיל-דערען דעם שטארקען רושם.

— איך וועל זיך קודם כל פאר אייך פאר-שטעלען, ווייל איך ווייס, אז איהר הייסט דוד, און מען רופט אייך, דודל דאמסקער, אמת?

— יא, אמת, איהר זעט א ברודער פון דעם פריילין, וואס פלעגט שטענדיג צו קומען צו מרימ'ן.

— יא, אזוי איז עס, איך בין אנקאס א ברו-דער און פערהאלטעי האב איך אייך צוליב א גאנץ וויכטיגען ענין, וועגען וועלכען מ'קען מיט אייך איצט רעדען. הערט מיך אויס, פריינד, מרים איז שטארק קראנק, זי פיבערט און רעדט פון היץ. די דאקטוי-רים ערקלערען אז איהר צושטאנד איז א זעהר שווערער אבער נישט האפנונגסלאזער. זי איז פער-צווייפעלט זעהט אויס, אז זי האט געמוזט האבען פון עפעס שטארק עגמת נפש.

דיד'ל איז געווארען בלאס ער האט זיך גע-בראכען די פינגער, ער האט נישט געקענט גלייכ-גילטיג זיך צוהערען צו דעם, ווי מ'רעדט וועגען מרימס א שווערע קראנקהייט, איהם האט אפער שטארק געוואונדערט, אז מרים איז קראנק און אזוי שווער קראנק, ער האט דאך זי ערשט געזעהען, ווי זי איז געשפרונגען אין וואסער.

— אפער ענטשולדיגט, דאס איז דאך כמעט ווי נישט מעגליך. איך האב דאך מרימען ערשט היינט געזעהען?

— וואס, איהר האט מרימען היינט געזעהען, אונמעגליך, וואס פאלט אייך איין?

— אפער דאך, היינט פארטאגס, אויף דער...

— ניין, איך דוכט זיך נאר אויס, מרים איז שווער קראנק, איך פערזיכער אייך, אז ס'איז אזוי ווי איך זאג אייך... (פארטזעצונג קומט).

פאר
גראפישע אנשטאלטען
דרוקעריען און פערלאגען
עמפפעהלט
די איינציגע אידישע צינקאגראפיע
אין לאדז
„גצלוקס"
104
טעל.: 241-24

יעדער איינציגער
האט זיך אי־בערצייגט, אז פאר
מעבעל
דיוואנעס, פעלצער, נייה־מאשינען, גארדעראבען או"וו
צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווילצמאן שענקעוויטש 23
טעלעפאן 191-00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

איינפיהרונג פון ביכער
פיהרט אדורך די בוכהאלטעריע־ביורא אונטער דער לייטונג פונ'ם בוכפיהרונגס־קענער, וועלכער איז בעשטעטיגט געווארען דורך דער האנדעלס־ און אינדוסטריע־קאמער
S. ZEMMEL
לאדז, פיעטריקאווער 93
איינפירונג קאנטראלע און אנאליז פון בילאנסען
בוכהאלטעריע־שטייער־עצות

אנ'עלטערע פרוי
וואס רעדט יודיש, קאן פיהרען הויז־ווירטשאפט און אומגעהען זיך מיט א קינד, ווערט געזוכט אין א פארשריטליכער שטוב.
זיך צו דערוויסען ביי שמולעוויטש, שרודמיעסקא 71, 4־טער שטאק.
4920

קליינע אנאנסען
1 זלאטי
אנאנם ביז 15 ווערטער

קויף און פערקויף
א גראמאפאן צו פערקויפען אדער טוישען אויף א ראווער. 11. ליסטאפאד 69, וו. 10.

ביליג צו פערקויפען: א גוט איינגעארדענטע אייל־מיהל (Oliwiarnia) מיט א 4־קאנטיג לופט־פרעסער צוליב אבריזע. אפערטען אין אדמ. פון דער צייטונג אונטער „Oliwiarnia".
4915

לאקאלען
א שטוב מיט א קוך, ביליג דירה־געלד, זאפארט איבערצוגעבען. צו ערפאהרען וואלבארסקא 1, ביי מערקאוויץ.

צו פערדינגען א שטוב מיט א קוך, פיעטריקאווער 82, וו. 78, ביליג דירה־געלד. זיך צו דערוויסען ביים לאקאטאר.

איך וויל דינגען א געמעבעלטע שאפע פון 3 אבטיילונגען, אויך מעגליך מיט וואוינונג 2 צימער און קוך. צו ערפאהרען אין אדמ.
4919

URODONAL
CHATELAINA

Zwalcza
reumatyzm
podagrę
piasek
sklerozę

czyści nerki
oczysz. wątrobę
i stawy,
łagodzi arterje
i zwalcza
otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo ul. Fredry 4 Warszawa

בוכהאנדלונג נ. בערלינסקי
לאדז, אלט־שטאט 12.
חודש פונם יודישען בוך, ארגאניזירט לויט דער איניציאטיוו פון יודישען פען־קלוב אין פוילען
אין דער ביליגער רשימה געהען אריין העכער 1000 פון די בעסטע ביכער, די וויכטיגסטע ווערק פון דער יודישער און וועלט־ליטעראטור פון די בעדייטענדיגסטע פערלאגען. הנחה ביז 90 פראצ.
קומט אין זעהט אדורך די רשימה פונ'ם ביליגען ביכער־פערקויף און איהר וועט זיכער עפעס קויפען.
אלע ביכער זענען צו בעקומען אויך אין פראכט־באנד צום פרייז פון 1.50 גילדן.

שייטלען
— מיט —
פאריזער שרינדען
ווי אויך
פערטיגע שייטלען
ווערען ערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט
און אנדולאציע
צו ביליגע פרייזען,
ביי קערש
סקווערעווא 15.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט־קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער־שוואכע
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו.
זונטאג און יום־טוב פון 9—1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע־זאל פאר פרויען.

Dr. med REICHER
פאלודניאווא 28, טעל. 20193
ספעציאל־ארצט פאר מענער־שוואכע־בעהאנדלונג
קינדערלאזיגקייט און סעקסועלע בעראטונגען
נעהמט אן פון 5 — 8 אוונט.
זונטאג און יום־טובים פון 9 — 1 בייטאג.

Dr. HELLER
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע קראנקהייטען און מענער־שוואכע
האט זיך איבערגעצויגען אויף
טראוגוטא 8, טעל. 179-89
נעמט אן פון 8 ביז 11 פריה און פון 4—8 אווענד.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע־זאל.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזען.

דר. מעד. בערמאן
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07.
ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און געשלעכטס־קראנקה. מענער־שוואכע בעהאנדלונג א. סעקסועלע בעראטונג, נעהמט אן פון 8—11 פריה און פון 4—8 אווענד, זונטאג פון 9—1 בייטאג.
פאר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע־פרייזען

זיכערע הילף און א רפואה
אהן א אפעראציע, אן בלוט. אהן א מעסער און אהן בלוט־פערגיסטונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, וויל דער ווינקעל־בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען־קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער־קשו און עס פאלט אריין אין דעם פיס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנת דורך פערדרייען די קישקעס. ווערט ער בראנדיג און שטארבליך. ספעציעל געצייגטע הייל באנדאזשען אויסגעצייכנט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דייטשען פראפעסאר דאקטאר בראכירעווינר בעוויזעניגען זיכער דעם שווערסטען און געפעהרליכסטען ברוך. אויך פאר הויקערס, לייטונגען מיט הייל־גארטעטען און ספאראטען פאר פערקרומטע פיס און פלאטפיס. ספעציעלע איינלאגען אין די שיך קינסטליכע גוטע פיס און הענד, גוטע זאקען, פאר די גרעסטע קראנקע ארעט. עמפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד

ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT, Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע איניווערזיטעטס־פראפעסארען: פראפ. ד"ר בעראנטש, פראפ. ד"ר י. מאריש־לער, פראפ. ד"ר בר. קיפלאנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען־קאסע.

דאנקזאגונג.
דערמיט דריקען מיר אויס אונזער הערציגסטען דאנק דעם ה' דיר. י. ראפאפארט, ספעציאליסט פון דער הייל־ארטאפעדיע, אין לאדז, וואלטשאנסקא 10, פאר זיין אפערירונג ארבעט בייא אונזער 17־יעהריגע טאכטער. א דאנק דעם גרויסען ספעציאליסט האט מיין טאכטער פערלאזט דאס בעט און האט צוריקבעקומען קראפט און דער פערליוש איז אינגאנצען פערשוואונדען.
די עלטערן
Ignacy i Marja Bartoszewscy
Łódź, ul. Napiórkowskiego 172.

דארפט נישט אוועק קיין אויסגעברענטע לעמפלען!
ווייל פאר יעדע אלטע זשארובקע בעקומט איהר צוריק א גאראנטירט לעמפעל געגען צוצאהלונג
— א העלפט פון פרייז. —
מ. זענדעל
פלאץ וואלנאשטשי 9
(פראנט־געוועלב), רוג נאוואמיעסקא.
איך קויף אלטע זשארובקעס יעדען קוואנטום.

Laboratorjum Chemiczno-Bakterjologiczne
Inż. Chem. **F. SZAC**
ul. Piotrkowska 37, tel. 230-85
Wszelkie analizy przemysłowe: wody, mydła, oleiny, artykułów spożywczych itd.
Ceny zniżone.

Dr. med. Haltrecht
ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און געשלעכטס־קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 8 ביז 11 פריה, פון 1 ביז 2 מיטאג און פון 5—9 אווענד. זונטאג פון 10—1 בייטאג.

„SANATO"
כירורגיש־וועכנעריז־אנשטאלט
אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1־טע און 2־טע קלאס
גינעקאלאגיש־וועכנעריז־אבטיילונג
ד"ר מעד. ש. איינער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד. רייטלער־קוריאנסקא ד"ר מעד. וו. אייכנער
פריליז פון א געבורט
אין 2־טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס־מיטלען
200 זל.
אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פלאסאוו
כירורגישע אבטיילונגפון ד"ר מעד. מ. קאנטאר.

נאטען־לעהרע, שטים־בילדונג און קונסט־געזאנג
לעקציעס צום ווינטער־סעזאן
די לעקציעס פון נאטען־לערנען, שטים־בילדונג און קונסט־געזאנג צום ווינטער־סעזאן האבען זיך
ביי מ. דארגוזשאנסקי,
אל. קאשטשושקי 57, וו. 18
שוין אנגעפאנגען.
צוליב'ן קריזיס, זענען די פרייזען רעדוצירט.

לעטשניצע
פון דאקטוירים־ספעציאליסטען
זגיערזשער 17, 17
טעלעפאן 116-33
ס'נעהמען אן דאקטוירים פון אלע ספעציאליטעטען, ד"ר גאלדשטיין־פאלאק, ד"ר יוסטמאן, ד"ר מ. קאנטאר, ד"ר ציעגע, ד"ר ראקאווסקי, ד"ר ראזענצווייג, ד"ר רוזשאנער, ד"ר ווינבערג, ד"ר סטופעל. צאהן־ארצט גראדזיענטשיק־קראשיאווא
ווי אויך וויזיטען איין שטאט.
רענטגען־בעשטראלונגען, קווארץ, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, און ערצטליכע אנאליזען.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים־ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר ווענערישע הויט־קראנקה. און מענער־שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אוראלאגישע און נערווען־קראנקהייטען.
קווארץ־לאמפ. עלעקטרישער הייל־קאבינעט קאסמעטיק.
— טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אווענד. — — פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעממ־אן א פרוי־דאקטאר פאר קינדער און פרויען. זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
— בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען
וויזיט 3 זל.

קלעפּסידרעס
צו זעהר ביליגע פרייזען
בעהמט אז די דרוקעריי פון
„נייעם פאלקסבלאט"
די קלעפסידרעס ווערען איז משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט און פונאנדערגעקלעבט איבער דער שטאט.

אנאנסען־פרייז פאר א מילימעטער־שורה
פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב־יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 " " " " —60 " " 4 "
נאכ'ן טעקסט—12 " " " " —18 " " 8 "
אויסער דער שטאדט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ (אין דער זייט 8 שפאלטען) קליינע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס־פרייז:
אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען א היים. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדריקען די אנאנס אדער צוריקצוצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און טאן פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך. די אדמינ. איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman